STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04999

TSIENISTEN KONGRES

Moses Kleinman

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-04999-9

D:\YIDDISH\TITLES\9780657049997T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

דער דריטער

ציוניס[illegible]ן-קאנגרעס

אין באזעל

נאך איינענער בעאבאכטונג בעשריבען

פון

מקל

פערלאג „עזרא"

Третій конгресъ сіонистовъ

въ Базелѣ

Соч. Макеля

Изданіе „Эздра" Бердичевъ.

פרייז 8 ק[illegible]

Дозволено Цензурою Кіевъ, 10 Сентября 1899 г.

Бердичевъ, Лито-типографія Я. Г. Шефтеля

אַבְּלִיק צוּרִיק.

דער דריטטער ציוניסטען-קאנגרעס אין באזעל! סע זענען שוין אלזא פארפלאססען גאנצע צוויי ציוניסטישע יאהר!

איך מיין ס'איז כדאי זיך אביסעל אבצושטעללען און זיך ארומקוקען אויף דעם וועג, וואס מיר זענען אבגעגאנגען, באטראכטען וואס מיר האבען אין דער צייט אבגעטאהן, און וואס מיר האבען נאך צו טהון.

בעת מיר רעדען פון ציוניסטען-ארבייט מוזען מיר ניט פארגעססען פונקטליך צו בעצייכענען פון וועמען מיר רעדען, צי פון די געצאהלטע פיהרער, די ראשים, צי פון דער גרויסער מאססע שקל-צאהלער, דאס הייסט אייגענטליך פונ'ם פאלק. די ערשטע האבען אין די צוויי יאהר געוויס, עהר פיעל אוספעיעט: זיי האבען אויפגערודערט די וועלט, פאראינטערעסירט אסך מענשען, באשאפען א פארבינדונג צווישען אלע יודען פון דער גאנצער וועלט — דעם קאנגרעס. געגרינדעט א קאלאניאל-באנק, וועלכע טראגט אפען דעם נאמען „יודישע באנק", און, ענדליך, ווי מיר ווייסען אויף געוויס, האבען זיי אויך פארבינדען פאדעמליך אין די הויכע פענסטער, וועלכע, מיר האפען אז מיט דער צייט וועלען זיי צוזאממען-געקניפט ווערען און וועלען אונז ווייזען דעם וועג — אהיים.

וואס האט אבער דאס פאלק געטהון אין די צוויי יאהר?

דא מוזען מיר זיך מודה זיין אז מיר האלטען נאך גאר פון פארענט! אין די צוויי יאהר האבען מיר קיין איינציגען טריט ניט געטהון, אויף וועלכען סע זאל כדאי זיין אנצווייזען: אט זעהט אזוי ווייט זענען מיר אבגעגאנגען.

דער גאנצער קוק פון דעם נייען ציוניזם איז געווען, אז דאס פאלק זאל אויפוואכען פון זיין לעטארגישען שלאף, זיך ארומקוקען אויף זיין ביטערער לאגע, און זיך נעמען צו זיין בעפרייהונג מיט איינעם מוטה, מיט איינעם כח. צוליעב דעם צוועק האט מען מיסד געווען די גאנצע ארגאניזאציע.

דִי גַאנְצֶע פֶערְבִּינְדוּנְג, דֶעם קָאנגְרֶעס מִיט דִי אֲגוּדוֹת אִין אַלֶע שְׁטֶאדְט, דִי אֲסִיפוֹת מִיט אַלֶע רֶעדֶען אוּנ דְרָשׁוֹת.

אוּנ וָואס זְשֶׁע אִיז גֶעוָוארֶען?

דִי אָרְגַאנִיזַאצִיֶע אִיז טַאקֶע דָא, דֶער קָאנְגְרֶעס מִיט אַלֶע אִיבֶּערִיגֶע אֲסִיפוֹת זֶענֶען אוֹיךְ דָא. יוּדִישֶׁע יוּנְגֶע לַייט זְשַׁאלֶעוֶוען נִיט זַייעֶר מִיה, מַאכֶען אֲסִיפוֹת אִין אַלֶע גְרוֹיסֶע אוּנ קְלֵיינֶע שְׁטֶאדְטְלִיךְ, הַאלְטֶען „רֶעטְשֶׁען" אוּנ שִׁיסֶען פּוּלְוֶוער, נָאר דֶער סַאמֶע עִקָר שְׁטֶעהְט אוֹיסְגֶערִיסֶען — דָאס פָאלְק שְׁטֶעהְט אוֹיף אֵיין אָרְט וִוי אַ פַארְגְלִיוֶוערְטֶער בַּר־מִינָן אוּנ גִיבְּט זִיךְ נִיט קֵיין רִיהְר.

אִיךְ וִויל שׁוֹין נִיט רֶעדֶען פוּן גֶעלְט־זַאכֶען, פוּן דֶעם גְרוֹיסֶען בִּזָיוֹן, וָואס סֶע אִיז פַאר אוּנְז יוּדֶען, אַ פָאלְק פוּן בְּעֶרֶךְ צֶעהְן מִילְיָאן (כֵּן יִרְבּוּ), אַז נָאךְ'ן גַאנְצֶען רַעשׁ מִיט דֶער יוּדִישֶׁער בַּאנְק, הָאבֶּען מִיר קוֹים צוּנוֹיפְגֶעזְשֶׁעבְּרֶעט אַדְרוֹיפֶען אוֹיף 300,000 אַקְצִיֶעס! (אוֹיף דְרַיי מִילְלְיָאן רו"כ), צְווִישֶׁען בְּעֶרֶךְ 100,000 מֶענְשֶׁען, דָאס הֵייסְט אַז אִין דֶער בַּאנְק, אִינ'ם עֶרְשְׁטֶען רֵיין יוּדִישֶׁען פָאלְקְס אוּנְטֶערְנֶעהְמֶען, אִין דֶעם אוּנְטֶערְנֶעהְמֶען, וָואס דַארְף אוֹיסְלֶעזֶען דָאס גַאנְצֶע יוּדִישֶׁע פָאלְק פוּנ'ם גָלוּת, הָאבֶּען גֶענֶעמֶען אַ חֵלֶק בְּסַךְ הַכֹּל אַ הוּנְדֶערְט חֵלֶק פוּנ'ם פָאלְק! אַ וַודַאי אִיז דָאס אַ פַּאטְשׁ אִין פָּנִים פַאר אַלֶע יוּדֶען, אִין דִי אוֹיגֶען פוּן דֶער גַאנְצֶער קְרִיסְטְלִיכֶער וֶועלְט, נָאר אִיךְ וִויל שׁוֹין דֶערְפוּן נִיט רֶעדֶען ס'אִיז דָאךְ פָארְט גֶעלְט־זַאכֶען אִיז שׁוֹין דָא גֶעוִויסֶע תֵּרוּצִים דְרוֹיף. אָבֶּער אִינְטֶערֶעסִירֶען זִיךְ פַאר דֶער זַאךְ, זָאגֶען אַ דֵעָה, דָאס קָאסְט שׁוֹין נִיט קֵיין סַךְ גֶעלְט, אוּנ דְרוֹיף זֶענֶען דָאךְ יוּדֶען תָּמִיד בַּעֲלָנִים, לְסוֹף זֶעהֶען מִיר אֲפִילוּ אוֹיף דֶעם אוֹיךְ נִיט קֵיין אִינְטֶערֶעס פוּנ'ם פָאלְק צוּ דִי צִיוֹנִיסְטִישֶׁע עִנְיָנִים.

אוֹיפְ'ן בֶּעסְטֶען אוֹפָן וָואלְט אַ יוּד אַמָאל אַ בַּעֲלָן גֶעוֶוען, בְּעֵת עֶר אִיז פְרַיי פוּנ'ם גֶעשֶׁעפְט, אִיהְר זָאלְט אִיהְם אוֹיסְדֶערְצֶעהְלֶען, אָבֶּער טַאקֶע מִיט אַלֶע פִּישְׁטְשֶׁעוֶוקֶעס, וָואס אוּנ וִוי אַזוֹי הָאט הֶערְצְל גֶערֶעדְט מִיטְ'ן סוּלְטַאן אִין סְטַאמְבּוּל? וִוי הַאלְט מֶען וֶועגֶען מֶקַח? אוּנ אוֹיף וֶוען רֶעכֶענְט מֶען זָאל דָאס אַרוֹיסְקוּמֶען? א. ד. ג.

דֶער יוּד וָואס צָאהְלְט דֶעם שֶׁקֶל, צָאהְלְט אִיהְם דַוְקָא בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת, עֶר טְרֵייסְט אַייךְ מִיט עֶטְלִיכֶע גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אַייעֶר מִיה אוּנ וִוינְשֶׁעוֶועט

אייך צו ביים געזעגענען, אז גאטט זאל העלפען, „מהיכי־תיתי, ס'איז שוין טאקע צייט אז יודען זאלען אויפגעריכט ווערען" אונ דערמיט ענדיגט זיך זיין אינטערעס צו'ן אייך אונ צום ציוניזם אין גאנצען.

ניין, ברידער, ניט דאס האט געמיינט דער פסוק, מיר דארפען אז אייך זאל דער ציוניזם אינטערעסירען ווי אייערע א זאך, ווי א אינגעווייניגסטע, נאהינטע, שטוב־זאך; איהר דארפט וועלען וויסען אונ טאקע וויסען אלעס, אלעס, וואס ס'איז נוגע צו דעם ענין אונ דוקא ניט די הויכע פאליטיקע, דוקא גאר די פשוטע וואכעדיגע אינטערעסען, דאס איבערשמיעסען מיט'ן טערק דאס קענען מיר רוהיג איבערלאזען פאר די עטליכע פארשטעהער, וועלכע מיר קלויבען אויס אונ וועלכע פארשטעהען זייער פאך מסתמא בעססער פון אונז. דאגעגען דארפען מיר, אונ מוזען, אלע יודען עוסק זיין אין די קלייניגקייטען, אין די אינעווייניגסטע ענינים.

אונ ווען דאס גאנצע פאלק זאל זיך טאקע אינטערעסירען פאר'ן ציוניזם וואלטען מיר אויפ'ן קאנגרעס תמיד געהאט אמת'ע פארשטעהער פונ'ם פאלק, מיר וואלטען געקענט באמת וויסען ווי אזוי דאס פאלק טראכט, וואס דאס פאלק וויל אונ וואס מע האט צו טהון. סע וואלט דעמאלט ניט מעגליך געווען אז צום קאנגרעס זאלען קומען חדר־יונגלעך, וואס זענען ערשט אראפ פון דער שמיים־באנק, אונ ניט וויסענדיג ווער סע האט זיי געשלייערט, קענען זיי נאר קריכען די עלטערע אין די אויגען, איבער־קעהרען אונ צעבערעכען דאס וואס מע האט מיט אזוי פיל מיה אויפגעבויעט, אונ נאך זיך בעריהמען אז זיי זענען דאס די פארשטעהער פונם פאלק, די אויספיהרער פונ'ם פאלקס ווילען!

די שטיממונגען פאר'ן קאנגרעס.

יעדער ווער סע האט מיטגעלעבט מיט'ן ציוניזם אלע צייטען, פונ'ם אנהויב אן ביז די לעצטע יאהרען, ווייסט וויפיל מיר האבען פערלארען דורך דעם אומשטאנד. וואס אונזערע ברידער אין מערב זענען א לענגערע צייט געשטאנען גאנץ ווייט פון אונזערע געדאנקען אונ פון אונזערע האפנונגען. אונ דריבער זענען עס אזוי געווארען מלא שמחה אלע אמת'ע פריינד פון

אונזער רעיון בעת זיי האבען דערהערט אז ענדליך האבען אויך יענע יודען דערפיהלט דעם טעם פון׳ם גלות און האבען זיך א ווארף געטהון צוריק צו זייער יודישקייט.

נאר אונזער שמחה האט ניט לאנג געדויערט, פערשיעדענע אדונים וועלכע האבען דעם ציוניזם פיינט געקריגען איבער פערשיעדענע סבות, האבען צום ערשטען ארויס געלאזט דאס ווארט, און נאך זיי האבען עס אונטערגעחאפט די, וועלכע זענען איבערהויפט געוואהנט נאר אונטער צו חאפען יענעמס ווערטער, ווייל קיין אייגענע זענען זיי, מחילה, ניט אומשטאנד ארויסצובריינגען פון׳ם מויל, און אזוי איז פלוצים ביי אונז בעשאפען געווארען א שרעקליכער תהום צווישען מזרח־ציוניסטען און מערב־ציוניסטען. און דער תהום ווערט אלע מאל גרעססער און גרעססער — א דאנק דער ארבעט פון געוויסע „בריעף״, וועלכע זשאלעווען ניט אלע מאל דאס איינצוחזר׳ען זייערע לעזער: זיי הייסט עס, די „אויסלענדישע״ ציוניסטען ווילען אזוי און אזוי, נאר מיר מזרח־ציוניסטען דארפען זיך לעגען אין דערלאנג און אין דער ברייט און דאס ניט דערלאזען״, פאר וואס אשטייגער? — זאלט איהר איהם פרעגען — די תשובה וועט זיין פשוט: ווייל זיי זענען „אויסלענדישע״ ציוניסטען און מיר זענען „מזרחים״!..

אט אזוי איז פלוצים אינ׳ם ציוניזם ענטשטאנדען דיפערענצען וועלכע האבען, גראדע אינ׳ם ציוניזם, קיין שום ארט ניט. מיר האבען געקענט פאראויסזעצען און דאס פארשטעהען, אז אינ׳ם ציוניזם, ווי אין א גרויסארטיגער פאלקס־זאך, זאלען זיך בילדען פארטייען וועגען איינינע פרטים אין דער ארבעט אליין; מיר האבען אויך געקענט פריהער זיך אויסמאהלען אז דער ציוניזם וועט ארויס רופען איינינע פערשידענהייטען צווישען יודען פון פערשיעדענע וועלט־אנשויענגען (אמונות ודעות), צווישען פרומע און פרייע. אבער קיינמאל האט מען זיך ניט געקענט פארשטעלען אז אינ׳ם ציוניזם וועלען קענען האבען פלאץ דיפערענצען, וועלכע הייגען אב פון׳ם ארט וואו די ציוניסטען לעבען: מזרחים, אדער ווי זיי רופען זיך מיט א בעזונדער אונערעכט, קולטור־ציוניסטען, און צווישען מערבים. גלייך ווי מיר האבען גאר אומזיסט די גאנצע צייט ארויסגערעדט פון זיך דעם אטהעם

און דערוויזען, אז יודען זענען תמיד און אומעדום איין איינציג פאלק אויף דער וועלט.

גלייך מיט דעם פעראכטען צו די אויסלענדישע ציוניסטען, האבען זיך אונזערע „בריעף" אויך בעמיהט אינ'ם משך פונ'ם יאהר איינצופליעסען א מיסטרויען (חשד) צו די פיהרער פונ'ם ציוניזם וועלכע זענען געבאך אויסלענדער.. דערביי האבען זיי געהאט א געלעגענהייט, וועלכע שיינט זיי צו בערעכטיגען. די מעשה דערפון איז אזוי: נאך פונ'ם צווייטען קאנגרעס זענען זיך פיעל דעלעגאטען צו פאהרען זעהר אומצופריעדען, דען באמת האבען זיך אסך דעלעגאטען ארויסגעוויזען אז זיי פארשטעהען, מחילה, גאר ניט וואו זיי זענען און וואס זיי האבען דא צו טהון. די ציוניסטען אין יעדער שטאדט האבען, ווי עס שיינט, נאך ניט פארשטאנען די גרויסע וויכטיגקייט פונ'ם קאנגרעס; זיי האבען אויך ניט פארשטאנען, אז בריינגען נוטצען דעם קאנגרעס און אויך דער גאנצער ציוניסטישער בעוועגונג קען נאר דער דעלעגאט, וועלכער לעבט מיט'ן ציוניזם און בכלל מיט יודישע אינטערעססען, וועלכער קוקט זיך צו און בעטראכט וואס ארום אונז קומט יעצט פאר, און איז בכלל פעהיג צו דענקען וועגען עדעלע זאכען. נאר אזא דעלעגאט קען זיין נוטצליך און דארף ווערען אויסגעקליבען צום קאנגרעס. און טאמער האט ער ניט אויף הוצאות מוזען די ציוניסטען איהם געבען די הוצאה און געדענקען, אז זיי טהוען ניט איהם די טובה נאר זיך, ווייל אין איהם האבען זיי א פארשטעהער אויפ'ן קאנגרעס, וועלכער איז א שיינקייט פאר זיי און פאר'ן קאנגרעס.

אונזערע ציוניסטען אבער האבען געגעבען זייער מאנדאטען (כח-הרשאה) אדער די, וועלכע זענען צופעלליג געפאהרען קיין אויסלאנד אויף דער קור, אדער, שוין גאר אין בעסטען אופן, האבען זיי געשיקט די יונגע לייט וועלכע האבען בעססער ווי אנדערע „געארבעט", דאס הייסט פארקויפט בילעטען פון א ציוניסטישען אבענד, צענויפגעשטעלט די ביינקליך אין זאל, אנגעצונדען די לעכט און געמאכט פאראדקים (ארדענונג). די אלע ארבעט זענען געוויס זעהר נוטצליך און ווער ס'איז דרינען פעהיג איז דאס בוודאי א גרויסע מעלה, אבער צום קאנגרעס טויג ער נאך אלץ ניט. דער קאנגרעס

דארף ניט קיין לאנגע פיס אדער אויסגעפּאשעטע בייכליך, ער דארף טיכטיגע קעפּ מיט פארשטענדיגע מחות.

אין דעם הינזיכט איז אויך דער דריטער קאנגרעס ניט פיעל בעססער געוועזען, צום דריטען קאנגרעס האבען אויך אונזערע ציוניסטען אנגעשיקט א מענגע דעלעגאטען מיט אויפגעבלאזענע קעשענים, דעלעגאטען, וואס זענען אפשר פארטרעפליכע טאנצער אויף באלען און חתונות — איך וויל ביי זיי זייערם ניט צונעמען — אין ציוניזם אבער זענען זיי גאר גע'הרגיט, און אפט מאל שטעללען זיי אייך אזויגע שאלות, וואס מע קען בשום אופן זיך ניט איינהאלטען פון לאכען, חאטש גיכער דארף מען איבער דיזען אומשטאנד וויינען, ווייל באמת איז דאס א וועהטיג צו זעהן ווי אונזער פאלק פארשטעהט ניט צו שאטצען די טייערע מתנה וואס די השגחה האט איהם לעצטענס געשענקט — דעם קאנגרעס.

די קראנקהייט האבען די דעלעגאטען ריכטיג געזעהן, זיי האבען אבער ניט געטראפען די סבה פון דעם חולאת און דריבער אויך ניט די רפואה. אנשטאט דעם וואס די „בריעף" האבען געדארפט זעהען אז דאס גאנצע אומגליק בעשטעהט אין דעם, וואס דאס פאלק פארשטעהט ניט דעם ערך פונ'ם קאנגרעס, און שיקט ניט קיין רעכטע דעלעגאטען און דריבער האבען זיי געדארפט דאס גאנצע יאהר אויפקלעהרען דעם עולם און איהם גיבען צו פערשטעהען, אז דער קאנגרעס איז ניט קיין פלאץ וואו מע „ארבעט" פאליטיקע, רק איין ארט וואו די יודישע געדאנקען, וועגען יודישער לאגע און יודישער האפנונג, ווערען ווענטילירט. איבער געליפטערט, און אז צום קאנגרעס וואלטען געקומען דעלעגאטען דורכאוים מיט ישוב הדעת, וואלט דיזע ווענטילאציע געבראכט נאכדעם צו אזא ארבעט, וואס וועט נוטצען פאר אונז אלע און וועט אונז בריינגען צו אונזער ציעל. — אנשטאט דעם האבען די „בריעף" איינגעזעהען דאס גאנצע איבעל אינ'ם שוין גאר שטארקען גלויבען פון אונזער פאלק אין זיינע פיהרער, און האט זיך פלייסיג בעמיהט דיזען גלויבען אונטערצוגראבען און צו צעשטערען.

דאס ציעל איז גלאנצפאלל עררייכט. אלס הויפטשטיממונג פאר'ן דריטען קאנגרעס קענען מיר בעצייכענען: א פערביטטערטעם פערהאלטען זיך

צו אונזערע ברידער פון יענער זייט גרעניץ, און א אינגערליכעס פאללשטאנדיגעס מיסטרויען צו די פיהרער פון דער בעוועגונג.

דיזע שטימונג איז היפנאטיש איבערגעגאנגען אויך צו די דעלעגאטען, וואס האבען ערשט אויפ'ן קאנגרעס זיך דערוואוסט וואס הייסט א קאנגרעס, און האט זיך אויסגעבילדעט, אלס די הויפט־שטימונג פונ'ם גאנצען קאנגרעס; זי איז אויך געווען די אמת'ע סבה, דאס ז ו י ע ר ט י ג, פון וועלכען סע זענען נאכדעם אויפגעגאנגען פיעל ערשיינונגען און סצענעס, פאר־בעת־און צווישען די זיטצונגען פונ'ם קאנגרעס.

יא, די „בריעף" קענען זיך פרייען מיט'ן דריטען קאנגרעס. דאס ציעל איז עררייכט, אבער צי האט מען אויך עררייכט די נוטצען? — אויף דער פראגע וועט דער לעזער זיך שוין אליין קענען ענטפערען, אז ער וועט זיך באקענען שפעטער מיט'ן גאנצען אינהאלט פונ'ם דריטען ציוניסטען־קאנגרעס אין באזעל.

איך בין איבערציינגט אז דער פיהרער פון די „בריעף" האט עס געוויס עהרליך געמיינט, און בין דריבער גרייט איהם מוחל צו זיין א סך פון זיינע פעהלערן, וואס ער איז בעגאנגען בשוגג אדער אפילו במזיד; נאר קיינמאל קען איך איהם ניט מוחל זיין די שנאת־אחים וואס ער האט ארויסגערופען צווישען אונז און די אויסלענדישע ברידער.

דאס איז איין עבירה, איין שרעקליכעס פערברעכען, אקעגען דעם אחדות אין וועלכען מיר נאטהיגען זיך אזוי שטארק!

די פארקאנפערענצען

שוין א טאג אכט פאר'ן קאנגרעס האבען זיך אנגעהויבען צענויפפאהרען דעלעגאטען קיין באזעל, און אבי סע איז שוין געווען א מנין דעלעגאטען, האבען זיי שוין אנגעהויבען מאכען אסיפות, ארומרעדען וועגען די פראגען וואס שטעהען פאר, און אבמאכען תקנות וועלכע זיי האבען זיך נאאיוו איינגערעדט אז זיי דארפען זיין בינדענד פאר אלע איבעריגע דעלעגאטען.

איינגענטליך איז ניט געווען קיין בעזאנדערע זאכען איבער וואס צו רעדען, נאר אונזערע אחינו בני ישראל זענען בכלל ניט קיין קמצנים אויף

אלערליי אסיפות און געפלוידעריי, ובפרט אז מע האט זיי איינגערעדט אז זיי זענען גאר אין א גרויסער סכנה, דער דאך ברענט — די אויסלענדערשע ציוניסטען, רחמנא ליצלן, ווילען אונז קוילען און מע מוז זיך בעצייטענס געפינען א'נעצה ווי אזוי צו ראטעווען...

די ערשטע זאך וואס מע האט גענומען ארומרעדען איז געווען די געשעפטס-ארדנונג. דאס הייסט די תקנות, וועלכע דער אקציאנס-קאמיטעט האט אויסגעארבעט און וועלכע בעשטימטען פונקטליך די חובות און די רעכטע פון די דעלעגאטען, פונ'ם פרעזידיום; ווי אזוי מע דארפען געפיהרט ווערען זיטצונגען, וואסערע קאמיסיעס מע דארף אויסקלויבען א. ז. וו.

די ישובים וועגען דיזער געשעפטס-ארדנונג האט צוגענומען א היבש ביסעל צייט. נאר פון דעם אלעמען איז אייגענטליך געווען נאר צוויי אדער דריי וויכטיגע זאכען, וועלכע מע האט געקענט בעהאנדלען אין א פאר שעה.

מע זאגט אונז אז דער דריטער קאנגרעס האט ארויסגעוויזען מיט דעם וואס ער איז אזוי שטארק בעפאלען הערצל'ן, אז ער גלויבט שוין ניט מעהר אינ'ם מענשען נאר אין דער זאך, אז די דעלעגאטען האבען דאס מאל מעהר פארשטאנען זייער פאך ווי פריער א. ז. וו. — איך וואלט זעהר צופרידען געווען איך זאל אויך קענען אזוי דענקען וועגען דריטען קאנגרעס. לויט איך האב דעם קאנגרעס בעאבאכטעט, האט ער היינטיגס מאל ווי אלע מאל געוויזען זעהר ווייניג מה-שטאף ביי די דעלעגאטען. זיי האבען היינט ווי דעמאלט זעהר ווייניג *געטראכט* וועגען דעם וואס זיי האבען *געזאגט*, און מיט וואס זיי האבען *מיטגעשטימט*. דער חלוק איז נאר וואס אנשטאט דעם, וואס די דעלעגאטען פונ'ם צווייטען קאנגרעס האבען זיך אונז פארגעשטעללט אהן מלאכות, נאקעט מיט זייער גייסטעס-ארעמקייט, און דריבער האבען זיי ביי אונז געקענט ערוועקען נאר א געפיהל פון *מיטלייד*, — האבען די היינטיגע דעלעגאטען זיך באפוצט מיט פאלשע בריללאנטען, מיט א נאכגעמאכטער, גאר ניט געפאסטער קריטיק, און האבען דערמיט געוואלט פארבלענדען די אויגען, מע זאל ניט ארויסזעהן זייער שרעקליכען דלות אין פארשטאנד און געפיהל. אזא מין פערהאלטען-זיך ערוועקט, ווענינגסטענס אין מיר, שוין ניט קיין מיטלייד, זאנדערען — *פעראכטען*. —

זעהר חאראקטעריזירענד האט זיך ארויסגעוויזען דאס אינגעווייניגסטע ארעמקייט פון אונזערע דעלעגאטען ביי איינער פון די זיטצונגען אין דער פארקאנפערענץ; נאכדעם ווי מע האט שוין, דאכט זיך, גוט ארומגערעדט די געשעפטס-ארדנונג און דער עולם האט זיך שוין געוואלט צוגעהען, שפרינגט אויף דער פרעזעדאטעל (פארזיטצענדער) און זאגט: „ניין מיר קענען ניט אוועקגעהן, ס'איז נאך דא א סך פונקטען אין דער געשעפטס-ארדנונג וועלכע מע מוז דאך איבעראנדערשען". איהר מיינט אפשר אז דיזער „פארזיטצענדער" האט חאטש אליין געוויסט וואס מע האט דארט איבערצואנדערשען — האט איהר א גרויסען טעות! ער האט נאר זיך אנגעהערט אז מע מוז בכלל איבער-מאכען ווייל די ארדנונג האבען אויסגעארבעט — די אויסלענדישע ציוניסטען...

און אזוי איז מען דאס געווען בעשעפטיגט שעה'ן לאנג צו קריטיזירען דאס, וואס זיי האבען אליין ניט געוואוסט וואו און ווארין בעשטעהט דארט דער פעהלער, נור אבי צו ווייזען, אז אט זענען מיר אויך בה"ש ניט קיין פראסטע מענשען וואס גלויבען אין אלעם, מיר פארשטעהען בה"ש אויך א געשעפט און מיר ווייסען אז מע מוז אלעם איבעראנדערשען...

דער געדאנק, אז וואס די אויסלענדישע ציוניסטען לעגען פאר, איז דאס שוין „מן הסתם" שלעכט און שעדליך האט אויך געבראכט דעם קאנגרעס צו'ן א פעהלער, וועלכער האט דערביי דעם קאנגרעס זעהר קאמפראמעטירט. נאך אויף די פארקאנפערענצען האט הערר טריעטש, מיט א קליינער גרופפע בערלינער ציוניסטען, פארגעלעגט זייערע אנזיכטען וועגען דער קאלאניזאציע אויפ'ן אינזעל ציפערן. זייערע מאטיווען זענען אין קורצען געווען פאלגענדע:

1) ערשטענס, די אינזעל ציפערן איז זעהר נאוויינט פון ארץ-ישראל און איז אין פערשיעדענע היסטארישע צייטען שוין געשטאנען אינטער'ן שוטץ פון די יודישע רעגירונגען; איינינע שטעללען אין תלמוד, בעצייכענען זאגאר די אינזעל אלס איין חלק פון ארץ-ישראל און שרייבען איהר צו די זעלבע קדושה ווי אנדערע ערטער אין פאלעסטינא. ס'איז אלזא, פונקט אזוי ריכטיג איינצושליעסען ציפערן אין אונזער פראגראם, ווי מיר האבען די לעצטע צייט גאר אהן שום וויכוחים און געדרענגעריי אריינגענעמען וסוריא (זיריען)

און עס געשטעלט אויף איין ליניע מיט ארץ־ישראל (פאלעסטינא).

2) ציפערן איז דורך איהר געאגראפישער לאגע איין טויער צו ארץ־ישראל, און ס'איז דריבער פאר אונז זעהר נאטהיג דארט זיך צו שאפען א פאזיציע, וועלכע קען אונז נוטצען אי ביי'ם אריין געהען קיין פאלעסטינא, אי שפעטער אז מיר וועלען שוין דארט זיין.

3) דער ציוניזם האט אוודאי געמאכט זעהר גלענצענדע שריט; די הבטחה פון קייזער ווילהעלם, חאטש געוויסע פארשוינען בעמיהען זיך דערפון חוזק צו מאכען, האט פאר אונז א גרויסע ווערטה און מיר האפען אז דער ציוניזם וועט געווים אין דעם זינן פארטשרייטען און געווינען די סימפאטהיען פון אלע איבעריגע מאכטע. מע בעדארף אבער ניט פער־געססען, אז אונזער דיפלאמאטישער ציוניזם, ווי ווייט ער זאל ניט האבען דערגלאנגט, נור כל זמן ער האלט נאך אין מיטען וועג, איז ער אויסגעזעצט דער געפאהר ערגיץ אין מיטען, אדער גאר אפילו ביי'ן ענדע וועג, הערונטער צו פאללען און דער מיט פערלירען א מענגע צייט, און נאך מעהר, דאס צוטרויען פונ'ם יודישען פובליקום; ס'איז דעריבער פראקטישער אז מע זאל ניט אבלאזען די געלעגענהייט וועגען ציפערן, וועלכעס, לויט די בעריכטען מעלדען, איז זעהר גרינג צו דערלאנגען. אי סוריא און פאלעסטינא? — ווער זאגט דענן, אז מע זאל דאס אראבלאזען פונ'ם געדאנק? אדרבא, מיר דארפען מיט דער אייגענער ענערגיע ארבעטען אויף אונזער הויפטצוועק ווי ביז אצינד און די ציפערן־קאלאניזאציע גאר בעטראכטען אלס איין הקדמה, אלס דעם ערשטען טריט צו דעם רעכטען עקר פון אונזער בעשטרעבען.

4) אונזער פאלק איז ארעם און הונגעריג, סע דארף א גיבע הילף ווייל סע טרענקט זיך און דאס וואסער איז שוין ביז אין מויל, סע איז דעריבער זעהר ווילד אינ'ם נאמען פון פרינציפען וועלכע נאר איין גאט ווייסט פון וואנען זיי האבען זיך גענומען, דוחה צו זיין די מעגליכקייט חאטש א קליינעם טהייל פון די ארעמע און אויסגעהונגערטע הילף צו שאפען, ס'איז אויך גאר אונבעגרייפליך, אז דאס יודישע פאלק זאל אין זיך האבען אזא אכזריות. ווען מע זאל דאס פאלק ווירקליך פרעגען וואס עס וויל, און ניט זיך גלאט אזוי בענוטצען מיט זיין נאמען, וואלט דאס פאלק אקוראט געווע־

פֿערט אויף דער פֿראגע מיט זיין געווענדען פֿערשטאנד, חאטש אונזער יודיש פֿאלק פֿיהלט געוויס בעססער פֿון אונז אלע זיינע אינערליכע יודישע בעשטרעבונגען.

5) די קאלאניזאציע אין ציפֿערן וועט געוויס געפֿינען אירע אויספֿיהרער, וועלכע וועלען זיך מיט איהר בע־סע וועלען זיך שוין געפֿונען מענשען וועלכע וועלען זיך מיט איהר בעשעפֿטיגען, נור מיר אלע יודען וועלען דערביי געוויס אסך פֿערליערען ווייל נאר די פֿאלקס זאך קען האבען הצלחה און ברייגגען נוטצען דעם גאנצען פֿאלק, וועלכע ווערט געטהון דורכ'ן פֿאלק, מיט זיין רצון און אונטער זיין קאנטראל. אז מיט ציפֿערן וועלען זיך אבער בעשעפֿטיגען איינציגע „גרויסע" וועלען מיר אפֿשר האבען א בעססערע ארגענטינא אבער קיינמאל וועט פֿון דעם ישוב ניט אויסוואקסען קיין יודישער ישוב. א יודישער ישוב וואלט דארט געקענט ווערען נאר אז ער זאל געפֿיהרט ווערען דורך דעם קאנגרעס, דאס הייסט דורך דעם פֿאלקס־ווילען און מיט א פֿאלקס־אידעע.

די מאטיווען, ווי איהר זעהט, זענען גענוג איבערציינגענד, און באמת האבען די מתנגדים פֿון ציפֿערן דרויף גאר ניט ערווידערט; זיי האבען ניט געקענט ערווידערן געגען די מאטיווען זעלבסט, און האבען דרבער געמוזט זוכען תירוצים צו זייער התנגדות אין דער זייט; זיי האבען געמוזט מודה זיין אז די קאלאניזאציע אין ציפֿערן פֿאר זיך איז אפֿשר טאקע וויכטיג און ווינשענס־ווערטה, נאר זי בעהאנדלען אויפֿ'ן קאנגרעס איז, פֿון דער אנדערער זייט, זעהר שעדליך. פֿאר וואס? אויף דער קשיא האט מען גע־געבען אסך תירוצים, נאר דער איינציגער פֿון זיי וואס איז ווערטה איהם צו דערמאנען איז דער: פֿארשטעהט איהר, האבען זיי געטענה'ט, אז דער קאנגרעס וועט אריין נעמען אין זיין פּראגראממע די ציפֿערן־קאלאניזאציע וועט, ערשטענס, דאס געבען שטאף די שונאי־ציון צו זאגען אז מיר האבען בלומרשט אליין שוין דערפֿיהלט די אוממעגליכקייט פֿון אונזער בעשטרעבונג צו ציון און מיר זוכען זיך דריבער א מקום מקלט אין ציפֿערן. ושנית איז דאס גלאט אזוי געפֿעהרליך, ווייל אז מע וועט זיך אנהויבען בעשעפֿטיגען מיט ציפֿערן, וועט דאס איינשלינגען די גאנצע פֿאלקס־ענערגיע און מע קען גאר אין ציון אין גאנצען פֿערגעססען. היינט ווידער, ווי קען מען ארייי־

לעגען די געלטען פון דער באנק אין ציפערן, טאמער יאגט זיך אן דער מאמענט אז מע וועט דאס געלט דארפען אויף ארץ־ישראל?

אויף די טענות איז נאטירליך געווען צו ענטפערן: אז פאר די שונאי־ציון וועלען מיר סיי ווי סיי ניט יוצא זיין, אונ זיך קנייפען אבי די פארב זאל שטעהען, איז גאר ניט אזוי קלוג; וועגען דער פאלקס־ענערגיע ווידער איז זעהר שאנדהאפט אזוי צו בעהויפטען, נישט קשה, מע מייג אונזער פאלק געטרויען, אז מע האט געקענט אין א משך פון 2 טויזענד יאהר בעוואהרען די ליבע צו ציון אין פערשיעדענע אומשטענדען, וועט אפילו די גליקליכסטע קאלאניזאציע אין ציפערן ניט אימשטאנד זיין ארויס צו רייסען דיזע ליבע פונ'ם יודישען הארצען. אונ וועגען די באנק־געלטע', האבען פיעלע פון די ציפריאנער גאר אויך ניט געמיינט אז מע זאל אהין פערשטעקען דיזע געלטען; זיי האבען נאר געוואלט אז דער קאנגרעס זאל זיך מיט דעם פראיעקט פארנעמען, אונ אויף געלט זאל מען זוכען גאר באזונדערע קוועלען. נאר ווי די מעשה איז, דער ציפערן־פראיעקט זאל געווען שטאממען פון ארוסישען ציוניסט, וואלט מען איהם געוויס ניט אזוי דוחה געווען, מע וואלט געווען געזוכט אונ מסתמא געפונען א מיטעל ווי אזוי דער וואלף זאל זיין זאט אונ דאס ציגעלע גאנץ; מע וואלט געווען אויסגעזוכט א'נ'עצה ווי אזוי די נוטצען פון דעם פראיעקט זאלען פון דער אנדערער זייט ניט ברייגגען חלילה קיין שאדען דעם ציוניזם. נאר דער פראיעקט איז אבער ארויסגעגאנגען פון „אויסלענדישע" ציוניסטען אונ דאס איז שוין גענוג געווען, אז מע זאל איהם מיט בזיון אראפשטופען פון דער בימה. —

ווי אזוי מע האט דעם פראיעקט דוחה געווען, וועלכען בזיון מע האט דערביי אנגעטהון דעם קאנגרעס — דאס וועט איהר הערען ווייטער פון דער בעשרייבונג. יעצט וועלען מיר איבערגעהען צום אפענטליכען קאנגרעס.

דער ערשטער טאג 3/15 אוגוסט

הערצל'ס ערעפנונגס־רעדע

זייגער 10 אין דער פריה איז שוין דער זאל פונ'ם קאנגרעס געווען פארפוללט מיט דעלעגאטען, זשורנאליסטען אונ די גאלעריע מיט געסט;

אלע, ווי געוואהנליך, יום-טוב'דיג אנגעטהון און מיט אויפגערעגטען אינטערעס וואַרטענדיג אויף דעם ערשיינען פון דאקטאר הערצל מיט די איבעריגע מיטגליעדער פונ'ם אקציאָנס-קאמיטעט. סע האט אויך היינטיגס מאל ניט געפעהלט קיין ענטציקטע, וועלכע האבען זיך מיט העכסטער בעהערצליכ-קייט אבגעגעבען „גוט יום-טוב!“. 2 יונגע לייט האבען טאקע בעוויזען אז זיי בעטראכטען דעם קאנגרעס פאר א פאלקס-יום-טוב. זיי זענען געקומען צום קאנגרעס צו פוס, חאטש זייער פערמעגען האט זיי ערלויבט צו פאהרען 1-טע קלאססע! דיזע 2 יונגע לייט זענען מערקווירדיג דוקא אויסלענדישע, נעמליך, ווינער ציוניסטען!

אין א פערטעל שעה ארום האט ערשיינט אויף דער בימה דאקטאר הערצל אומגעבען פון גאסטער, מאנדעלשטאם, נארדוי, קאקעש נאט-טהייל און אנדערע. דאס ערשיינען הערצל'ס האט ארויס גערופען א שטירמישע אקקלאמאציאָן (בראוואָ-געפאטשערייי) וועלכעס האט געדויערט איינינע מינוטען — אונזער פאלק פיהלט א פנים וואס דער מענש איז פאר איהם.

נאכדעם ווי דער עולם האט זיך אביסעל בערוהיגט, האט דאקטאר הערצל מיט זיין געוואהנליכער העללער און זיכערער שטיממע, אנגעהויבען זיין ערעפענונגס-רעדע. די רעדע הערצל'ס גיבען מיר אין א בעזונדער ביבעל און מיר ראטהען אייך זי אויפמערקזאם צו לעזען. דא אבער וועל איך מיך בעמיהען אייך גיבען א קורצען עקסטראקט פונ'ם אינהאלט פון דיזער רעדע.

ערשטענס האט ער אויפגעקלעהרט דעם עולם, אז ווען אפילו מיר זאלען נאך גאר ניט האבען דערלאנגט, וואלטען מיר אויך ניט געטארט אראפפאלען ביי זיך, מיר וואלטען געדארפט מיט דעם אייגענעם התלהבות ארבעטען ווייטער, ביז מיר וועלען ערגרייכען אונזער ציעל. גרעססערע פריצים פון אונז, זאגט ער, מוזען זיך בעניגען מיט קליינע רעזולטאטען, אמאל גאר מיט בלויז שענע רעדען — ער ווייזט דער ביי אן אויף דער פריע-דענסקאנפערענץ אין האאג — און האפען אז פון די רעדען וועט סוף כל סוף ארויסקומען גרויסארטיגע מעשים לטובה פון דער גאנצער וועלט.

ובפרט מיר האבען אין דעם יאהר דוקא אביסעל יא אוספּעיעט. מיר קענען זאגען אז מיר זענען אשטיק וועג אבגעגאנגען.

דא שטעללט דער רעדנער ארויס די גרויסע וויכטיגקייט פון דעם טרעפעניש ד״ר הערצל׳ס מיט קייזער ווילהעלם פון דייטשלאנד. ער ווירעט אונטער די ווערטער: ניט גלאט אזוי א יודישע דעפּוטאציע האט דער קייזער געלאזט זיך פארשטעללען אין ירושלים, ניט אפילו א דעפּוטאציע פון עפּעס א חברה וועלכע מאכט, אדער וויל מאכען, קאלאניעס אין ארץ־ישראל — נאר בפירוש א דעפּוטאציע פון ציוניסטען, דאס הייסט פון פּאליטישע ציוניסטען, ווייל דעם קיסר זענען נאך פריער גוט בעקאנט געוועז אונזערע מחשבות און אונזערע ווערטער וואס מיר האבען איהם געזאגט.

דער קייזער האט גאנץ דייטליך ארויסגעזאגט זיין אינטערעס צום ציוניזם און זיין גוטען ווילען איהם צו שטיצען.

ווער סע געדענקט וויפיל מע האט דעם ד״ר הערצל דערקוטשעט און מיט פערשיעדענע אופנים ביי איהם געוואלט ארויסקוועטשען וואס אייגענטליך האט איהם דער קייזער געזאגט, און אז אויף דעם אלעמען האט הערצל געענטפערט־מיט שווייגען; ווער סע געדענקט דאס און האט יעצט געהערט ווי הערצל האט גאנץ אפען איבערגעגעבען דעם קייזער׳ס הבטחה, דער מוז זיך אליין זאגען, אז דאס איז ניט גלאט אזוי אבהענגיג פון הערצל׳ס ווילען אליין. מע מוז קומען אויף דעם געדאנק, אז מסתמא האט ער אצונד בעקומען דאס ערלויבעניש צו זאגען, און דאס איז א סימן אז קייזער ווילהעלם טראכט ניט צו מאכען דערפון א סוד; ער וויל אפענטליך פאר דער גאנצער וועלט ארויסזאגען, אז ער סימפּאטיזירט דער ציוניסטישער אידעע, און איז גרייט זי צו שטיצען. און אויב די זאך איז אזוי בעקומט זי פאר אונז א דאפּפּעלען ווערטה: 1) ווייל דער דייטשער קייזער איז ווי בעקאנט איינער פון די גרויסע פיהרער אין דער היינטיגער פּאליטיק, און 2) ווייל אונזער זאך הערט דערמיט אויף צו זיין א חלום פון ביתהמדרשניקעס, א פאנטאזיע וועלכע ס׳איז אוממעגליך אויסצופיהרען. דענן מיר מייגען זיך שוין פארלאזען, אז אזא דיפּלאמאט ווי קייזער ווילהעלם ווייסט שוין צו אונטערשיידען פון א פאנ־

טאַזֶע ביז אַ רֶעגֶעלֶען נוטצליכֶען פּאָליטישֶען פּלאַן.

די אַנדֶערֶע אינטֶערֶעססאַנטֶע שטֶעללֶע אין הֶערצֶל׳ס רֶעדֶע איז בֶּעשטאַנֶען אין דֶעם, וואס ער האט היינט צום ערשטֶען מאָל אַרויסגֶעזאָגט דייטליך וואס מיינט ער צום אַלֶעם ערשטֶען דורכצופיהרֶען. ער האט עס אַרויסגֶעזאָגט מיט איינֶעם וואָרט: „איין טשאַרטֶער!“ אַ טשאַרטֶער הייסט אייגֶענטליך אַזאַ מין קאָנטראַקט נאָך וועלכֶען דער בֶּעזיטצֶער פון אַ גֶעוויסֶער שטיק לאַנד זאָגט זיך אָב פון אַ טהייל פון זיינֶע פּראַוועס (רֶעכטֶע) אויף דיזֶעס שטיק לאַנד און דיזֶע רֶעכטֶע טרֶעט ער איבֶּער איין אַנדֶערֶען. דֶערבּיי מֶעג מֶען אַזוי וויים גֶעהֶען אַז אַ קֶעניגרייך זאָל אָבּטרֶעטֶען זיינֶע אַלֶע אינֶעווייניגסטֶע פּראַוועס אויף אַ גֶעוויססֶען טהייל פון זיין לאַנד און זיך איבֶּערלאַזֶען נאָר אַבּיסֶעלֶע, נאָר דאָס איבֶּערשטֶע פּאָליטישֶע רֶעכט אַקֶעגֶען אַנדֶערֶע מְדִינוֹת. מיט אַ טשאַרטֶער וואָלטֶען יוּדֶען לְמָשָׁל גֶעקענט אין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל זיך בּאַזֶעצֶען און זיך איינְפיהרֶען אינֶעווייניג אַלֶע מִנְהָגִים און פּאָראָנדקֶעס ווי סֶע וועט זיי אַליין גֶעפֶאלֶען. זיי מֶעגֶען זיך האָבֶּען זייערֶע שׁוֹפְטִים וְשׁוֹטְרִים, זייערֶע גימנאַזיֶעס און אוּניווערסיטֶעטֶען, זייערֶע פּאָליצֵיי און בֶּעהאָרדֶען (מִשְׁנָאוּנִיקֶעס) און נאָר דאָס אויסֶענווייניגסטֶע פּאָליטישֶע רֶעכט בּלייבּט פאַר׳ן סולטאַן, ער הייסט דער מֶלֶךְ פון׳ם לאַנד און האט דאָס רֶעכט צופיהרֶען קריג און מאַכֶען שָׁלוֹם, עט־וואס אַזוי ווי פּוילֶען איז גֶעוועֶן די ערשטֶע צייטֶען נאָך׳ן צֶעטהיילֶען.

פאַר אוּנז יוּדֶען נאַטירליך איז דאָס גאַנץ גֶענוּג, ווייל מיר ווילֶען דאָך ניט מֶעהר ווי אַ ווינקֶעלֶע, אַ שטיקֶעלֶע היים, פון וואַנֶען קיינֶער זאָל אוּנז ניט קענֶען אַוועק טרייבֶּען.

אַזאַ מין טשאַרטֶער מוּז אָבֶּער האָבֶּען גֶעוויסֶע גאַראַנטיֶען, אַז דער קאָנטראַקט זאָל גֶעהאַלטֶען ווערֶען מִשְּׁנֵי הַצְּדָדִים, און דאָס מיינט ד״ר הֶערצֶל מיט די ווערטֶער „עֶפֶענטליך רֶעכטליכֶע זיכֶערהייטֶען“. — ד״ר הֶערצֶל פיהרט אויס אין זיין רֶעדֶע: „די פיהרֶער פון׳ם ציוניזם זֶענֶען דרויף בֶּעמיהט אַזאַ טשאַרטֶער צו ערצילֶען, אַ טשאַרטֶער אוּנטֶער דער אויבֶּערשטֶער מאַכט פון זיינֶער מייעסטֶעט דֶעם טירקישֶען סולטאַנס, און ערשט דֶעמאָלט ווען דאָס ציוניסטישֶע אַקציאָנס־קאָמיטֶעט וועט האָבֶּען דֶעם טשאַרטֶער אין וועלכֶען סֶע וועלֶען זיך גֶעפינֶען די עֶפֶענטליך־רֶעכטליכֶע זיכֶערהייטֶען, וועט מֶען קֶענֶען

אנהויבען א גרויסע קאלאניזאציע אין פאלעסטינא".

"דאס קאנן אבער ניט פונ'ם קאנגרעס געמאכט ווערען, ווייל דער קאנגרעס איז פון דער גאנצער וועלט צוזאממען-געשטעללט און האט ניט דאס רעכט פון א יוריסטישער פערזאן, דאס הייסט, ער איז ניט אנערקאנט פון קיין שום רעגירונג אלס א בעשטעהנדיג עקסיסטירענדע אנשטאלט. מיר האבען דריבער געמוזט זיך בעשאפען א קאנטראהענט, וועלכער זאל אונזער זאך געטריי דינען, און וועלכער זאל די יוריסטישע פערזאנליכקייט בעזיטצען. אזא קאנטראהענט האבען מיר בעשאפען — דאס איז די יודישע קאלאניאלבאנק בעשטעטיגט פון דער ענגלישער רעגירונג אין לאנדאן".

"איהר פארשטעהט מסתמא אליין אז די באנק וועט זיך ניט בעשעפ־טיגען מיט ערד־איינקויף. די באנק איז ניט מעהר ווי א צווישען-גליעד אום דעם טשארטער צו דערלאנגען, און נאכדעם וועט ערשט די באנק, אויף גרונד פונ'ם טשארטער, גרינדען די אייגענטליכע לאנדעס-געזעללשאפטען, נאטירליך מיט א סך א גרעססערען קאפיטאל, אום לאנד איינצוקויפען און קאלאניען זאווי פאבריקאציעס צו גרינדען".

צולעצט דרוקט ד"ר הערצל נאך אויס דעם אויפרוף צו אללע עהרליכע מענשען פון אללע פעלקער און פון אללע אמונות, אז זיי דארפען אונז בייּ־שטעהען, ווייל מיר בארען זיך דא ניט וועגען עפּיס אנדערש חוץ וועגען אונזער עקסיסטענץ און וועגען אונזער פאלקס-עהרע. אונזער ווידער-אויפּ־לעבען וועט אויך דיענען צו גוטען פאר דער גאנצער מענשהייט. מיר וועלען אפענען נייע וועגען פאר דער אייראפּעאישער קולטור און „אזוי ווי אונזער ליעבער משורר האט פון זיינע שמערצען בעשאפען ליעדער פאר דער גאנצער וועלט (תהלים), אזוי גרייטען מיר אויך צו פון אונזערע ליידען דעם פארשריטט פון דער גאנצער מענשהייט וועלכער מיר דיענען."

הערצל'ס רעדע האט געלאזט אויף די צוהערער א טיפען איינדרוק און די אפּלאדיסמענטען האבען גאר ניט געוואלט אויפהערען. ביז הער יארק שטיינער, דער משולח פון דער פערמאנענץ-קאמיסיאן*), האט מיט זיין שטארקער שטיממע

*) פערמאנענץ-קאמיסיע אדער פערמאנענץ-אויסשוסס, הייסט די בעשטאנדיגע קאמיסיע וואס ווערט אויסגעקליבען נאך פאר'ן קאנגרעס, בעשטעהט פון אויסגעקליבענע

אנגעהויבען פארלעזען די נעמען פון די דעלעגאטען, וועלכע די פערמאנענץ-קאמיסיע האט אויסגעקליבען אין די פערשיעדענע קאמיסיעס, וועלכע דארפען צוגרייטען דאס מאטעריאל פיר יעדע פראגע בעזונדער.

דער קאנגרעס האט אבער ניט געקאנט תיכף בעשטעטיגען די ליסטען ווייל די כתות האבען זיך נאך ניט געקענט פערגלייכען וועגען די פערזאנען פון יעדער ליסטע, און מע האט דריבער אבגעלייגט די בעשטעטיגונג דער ליסטען אויף נאך מיטאג.

דער פרעזידענט האט דערנוייל געגעבען דאס ווארט ד"ר מאקס נארדוי וועלכער זאל רעדען „איבער אללגעמיינער לאגע פונ'ם יודישען פאלק אין גלות"*.

די קונציגע און ווירקונגספאללע רעדע פון ד"ר נארדוי קען מען אין קיין אבקירצונג ניט איבערגעבען, ווייל פון איין זייט איז יעדעס ווארט פאר זיך א פערל, וואס מע שאדע ארויסצולאזען, און פון דער אנדערער זייט האט זי מעהר דעם כאראקטער פון א דרשה אין וועלכער קיין נייעס איז ניטא און מע דארף ניט זיין, ווייל די גאנצע קראפט ליגט נאר אין דער פארמע ווי אזוי דער דרשן זאגט נאך אמאל איבער דאס אלטע. מיר גיבען דריבער אויך דיזע רעדע אין א בעזונדער בראשירע און האפען אז איהר וועט האבען א רעכטעס פערגנוגען זי איבער לייענענדיג.

איך קען מיך אבער ניט אבהאלטען אייך דא איבער צוגעבען ווענינגסטענס דעם סוף פון זיין גלענצענדער רעדע. נאכדעם ווי ער האט קונציג אבגעפיצקעט די אססימילאנטען, די יודישע אנטיסעמיטען, וועלכע מוזען געביך איבער ליידען אזוי פיל מסירת-נפש אום — זייער יודישקייט אב-צו לייגנען ווי זייערע עלטערען אמאל האבען איבערגעליטען אום זייער יודישקייט געטריי צו בלייבען; נאכדעם ווי ער מאלט קינסטלעריש אב „מיט וויפיל בזיון זיי מוזען זיך געביך אנטרינקען ביז מע לאזט זיי שוין טאנצען אויף א גראפליכען באל, אדער ביז זיי קומען צו דער עהרע, זיי זאלען שוין קענען אוועקלייען זייער געלט א קניאזיאקעל, א הולפאק — נאכדעם

אוים פערשיעדענע מדינות, וועלכע האט דאס ציעל צו פערלייכטערען די ארבעט פונ'ם קאנגרעס. ער גרייט צו די פסקים פון אלע קאמיסיעס און פונ'ם אקציאנס קאמיטעט און לעגט זיי פאר דעם קאנגרעס.

אלעם זאגט ער: „האבען מיר זיך אקעגען זיי ניט צו האמפערען, מיר דארפען זיך דערמיט בעגניגען פון זיי זיך אין גאנצען אבצוזאגען, אזוי ווי זיי האבען זיך אין גאנצען אבגעזאגט פון אונז. לאמיר אויך ניט אויסשטעללען אויף אונזערע „פראקטישע" מענשען, וועלכע זענען גרייט אונז אונטען-ארום צעברעכען דעם ריקען און גלייכצייטיג טראכטען זיי פון דעסטוועגען צו אונז צו קומען אבי נאר זיי וועלען זעהן אז זיי האבען ביי אונז וואס צו נאשען".

„אויף די אלע האבען מיר ניט צו רעכענען, דאגעגען טארען מיר ניט אבלאזען קיין איינציגע געלעגענהייט צו דערלאנגען די יודישע מאססע, וועלכע האט ענטוועדער גאר ניט, אדער פאלש פונ'ם ציוניזם געהערט. אויב די רבנים, אונזערע נאטירליכע מיטארבעטער, ווילען אונז ניט העלפען, נו מילא, וועלען מיר שוין מוזען געהן אהן זיי. מיר מוזען אבער און וועלען עס דערגרייכען, אז די אונגעהייערע מעהרהייט פונ'ם יודישען פאלק זאל הויך, פאר דער גאנצער וועלט, ארויס זאגען איהרע ציוניסטישע געדאנקען, איהרען ווילען א פריי פאלק צו ווערען".

„דערצו איז אבער נעטהיג אז יעדער איינציגער ציוניסט זאל תמיד און אומעדום פיהלען זיין גרויסארטיגען פאסטען, אלס א נביא פון א גרויסארטיגער פאלקס-אידעע. גלאט-אזוי-ציוניסטען, ציוניסטען מיט קיילעכיגע בייכליך, ציוניסטען מיט פוללע קעשינעס, ציוניסטען פארגליווערטע — דאס טאר ביי אונז ניט זיין. מיר מוזען אהן א אויפהער, פרעדיגען, לעהרען, אויפקלעהרען און איבערצייגען. אונזער סיגנאל דארף זיין: „ישראל ערווארטעט אז יעדער זאל זיינע שולדיגקייט טהון!"

דארף איך נאך דערצעהלען אז די רעדע איז כמעט אויף יעדער זאטץ אונטערבראכען געווארען דורך אונענדליכע בראווא-רופעריי און הענד-געפאטשעריי — דאס וועט יעדער פערשטעהען ווער סע וועט די רעדע לע-זען פון אנהויב ביז אין סוף.

אונטער דעם שטארקען איינדרוק פון דער רעדע נארדוי, האט מען נאר דאס פרעזידיום פונ'ם קאנגרעס געוועהלט. אויסגעקלויבען: ד"ר הערצל — פרעזידענט, נארדוי, גאסטער און מאנדעלשטאם — וויצע פרע-

זידענטען; קאהאן-בערנשטיין, גאטטייל, וואלפסאן, פינעלעס, קארנהויזער, באדענהיימער, יאסינאווסקי — בייזיטצער; אוסישקין, נעמיראווער, די-האאס, פרוי גאטטהייל, קלעע, איזידאר מארמארעק, בן-עמי, טיאמקין — שריפט-פיהרער. אונ דערמיט ווערט די זיטצונג געשלאססען.

נאך מיטאג אום 5 א זייגער האט זיך דער קאנגרעס ווידער ערעפענט. ד״ר הערצל דערמאנט צו ערשט די פארשטארבענע ציוניסטען, וועלכע האבען זיך דיזעס יאהר געפעהלט. די גאנצע פערזאממלונג ערהעבט זיך צום צייכען פון טרויער. נאכדעם לייענט דער פרעזידענט פאר א גאנץ צעטיל פון אדרעססען אונ ברכות וואס מע האט געשיקט דעם קאנגרעס פון אלע עקען וועלט, פון וועלכער דער אדרעס פון די קאווקאזער יודען רופט ארויס א בעזונדער אינטערעס.

אויף דער טאגעס-ארדנונג קומט דער דין וחשבון פונ׳ם אקציאנס קאמיטעט אינ׳ם משך פונ׳ם פערגאנגענעם יאהר. דער חשבון איז איינגעטהיילט אין 2 חלקים, ארחיטעקט מארמארעק לעגט פאר דעם חשבון פון דער ארבעט בכלל אונ ד״ר קאקעש דעם חשבון פון די געלטען בפרט.

הערר מארמארעק דערצאהלט פון דער ריזיגער ארבעט, וועלכע דאס אקציאנסקאמיטעט האט געהאט מיט אלע עקען וועלט אין פערבינדונג צו טרעטען. ער ווייזט אן דרויף ווי גרויס די בעוועגונג איז אין דעם יאהר אויסגעוואקסען, ווי אלע מאל קומען צו נייע פעראיינען, אונ דאס אלעם חאטש פון פערשידענע זייטען האט מען זיך אלץ בעמיהט די בעוועגונג צו שטערען. ער בעמערקט, אז די איינצעלנע פערזאנען, וועלכע רופען זיך בלומרשט אויך ציוניסטען אונ באמת ווילען זיי דעם ציוניזם דערטרינקען, זענען ניט מעהר ווי איינצעלנע פערזאנען. קיין פארטייעס זענען אינ׳ם ציוניזם ניט פאראנען, אונ מע דארף דריבער ניט מורא האבען אז אינ׳ם ציוניזם זאל זיך אויסבילדען די אלטע יודישע קראנקהייט — מחלוקת אונ פרוד הדעות.

ד״ר קאקעש מאכט דעם חשבון פון די געלטער: פון פאר-א-יאהרען איז געבליבען בערך *) 13300 רו״כ. אינ׳ם יאהר איז אריינגעפאלען א-נ-ערך

*) איך שרייב בערך ווייל איך האב איבערגעווארפען די פראנקען, אין וועלכע

פון 46700 רו״כ, צוזאמען אלזא – א־גערך פון 60 טויזענד רובעל; דערפון האבען פארנוצט אויף אגיטאציע פערשידענע לענדער ערך פון 38 טויזענד רובעל. דער צווייטער קאנגרעס האט געקאסט 4000 רו״כ, אין דער באנק האט מען אריינגעלייגט 4000 רו״כ, די הוצאות פון דער אדמיניסטראציע 8000 רו״כ, מזומן בקאססא איז דא 6000 רו״כ. – דאס קאפיטאל פונ׳ם קאמיטעט בעשטעהט פון די מזומנים 6000 רו״כ און פון חובות און אקציעס פון דער באנק ערך 7000 רו״כ, סה״כ 13000 רו״כ.

איהר זעהט אלזא, פיהרט אויס ד״ר קאקעש, מיט וואס פאר קליינע מיטטלען סע ווערט געפיהרט אזא גרויסע בעוועגונג, וועלכע נעמט ארום די גאנצע ערד. און אויב איהר רעכענט אז מיט גרעסערע מיטטלען קען מען גרעסערס טהון, טא זעהט זשע בעצייטענס צושיקען דעם נייעם קאמיטעט, וועלכען איהר וועט זיך אויסקלייבען, די נייטיגע מיטטלען כדי ער זאל אין זיין ארבעט ניט געשטערט ווערען.

איבער דער רעכענשאפט פונ׳ם אקציאנס־קאמיטעט איז געבליבען אז מע זאל פריער נאכזעהען די ביכער און ערשט נאכדעם די רעכענשאפט בעשטעטיגען. דעם רעשט פונ׳ם ערשטען טאג האבען צוגענעמען די בעריכטען פון פראפ׳ גאטטהייל איבער דעם גאנג און וואכסען פונ׳ם ציוניזם אין אמעריקא, און פון מאדאם גאטטהייל איבער די פרויען־פעראיינע אין אמעריקא. פון איהר בעריכט זענען מיר געוואהרע געווארען אז אין אמעריקע איז אצינד דא איבער 60 ציוניסטישע פרויען־פעראיינע, געגען 10 פון פאראיאהרען, און אז דער ציוניזם ווערד אין אמעריקע בעטראכט מיט כבוד. די רעדע פון דער פרוי גאטטהייל איז דעם קאנגרעס אזוי שטארק געפעללען, אז מע האט בעשלאססען זי אבצודרוקען, און זי ווייט אויספערברייטען צווישען די יודישע דאמען אין דער גאנצער וועלט.

נאכדעם ווערד די זיטצונג געשלאססען ביז דעם אנדערען טאג.

די רעכענונג איז געמאכט געווארען, אין רובעל. ד״ר קאקעש אבער האט ניט געזאגט בערך, ער האט פונקטליך בעצייכענט די סוממען.

דער צווייטער טאג 4/16 אגוסט

נאכדעם ווי דער פרעזידענט ד"ר הערצל האט פארגעליעזט א רייע ליסטע פון אנגעקוממענע טעלעגראממען אונ גליקס-ווינשע, גיט ער אב דעם פארזיטץ דעם וויצעפרעזידענט ד"ר מאנדעלשטאם אונ מע ווערען געעפענט די וויכוחים איבער דער ארבייט פונ'ם אקציאנס-קאמיטעט. די וויכוחים האבען צוגענוממען דעם גאנצען צווייטען טאג אונ א טהייל פונ'ם דריטטען טאג. ווער אין גאנץ גלויבט האט זיך געמעלדעט צום ווארט, אונ יעדער האט זיך געהאלטען פאר א חוב קדוש צו רעדען וואס לענגער, חאטש עפ"י רוב האט ער שוין קיין איינציג ניי ווארט ניט געקאנט ארויסברייננען וועלכעס איין אנדערער זאל שוין ניט האבען פאר איהם געזאגט. איך וועל דריבער אייך ניט איבערחזר'ן יעדענס רעדע בעזונדער, ווייל ערשטענס, ווי געזאגט, וועט אויסקוממען איין זאך וויעדערהאלען 15 מאל, אונ צווייטענס האבען פערשיעדענע רעדנער בעריהרט אסך פונקטען אין זייערע רעדען אונ מע וועט בעססער זיין איך דא פארצולעגען די וועזענטליכע טענות, וואס מע קען ארויסנעמען פון אלע רעדען צוזאממען.

איין זאך מוז איך דא נאך זאגען: אז שוין פון דער התחלה האט מען ארויסגעזעהען, אז פיעל רעדנער האבען זיך צוגעגרייט אבצושפיעלען דעם אקציאנס-קאמיטעט א ברוך הבא אונ האבען דריבער זיך בענוטצט מיט דער געלעגענהייט צו בעריהרען אזוינע ענינים וואס האבען אייגענטליך צו דער זאך ניט געקעהרט. בעת דער פערהאנדלונג האט זיך אין דער אטמאספהערע פונ'ם קאנגרעס געפיהלט עפיס א ריח פון פולווער, אט, אט שוסט עס אויס! אונ די פערזאממלונג האט דעריבער צוגעהערט די אלע טענות מיט א בעזונדער געשטרענגטער אויפמערקזאמקייט.

די וויכטיגסטע טענות זענען פאלגענדע:

1) ד"ר ווערנער פרעגט ביי הערצל'ן צי דערמיט וואס ער האט געזאגט אז אונזער ערשטער ציעל איז צו קריגען ביי דער טירקישער רעגירונג א טשארטער, מיינט ער אז מיר טרעטען אב פון אונזער פריערינער פראגראממע נאך וועלכער מיר בעשטרעבען זיך צו אפענטליכען גאראנטיען.

דאס הייסט ניט נאר פון דער טירקיי אליין זאנדערן מיט א בעשטעטיגונג פון אלע מלוכות, אונ בעט אז ד"ר הערצל זאל איהם דריבער אויפקלערען.

2) כמעט אלע דעלעגאטען בעקלאגען זיך אז דאס אקציאנס-קאמיטעט האט זעהר ווייניג, אדער כמעט גאר ניט, געטהון אום דעם ציוניזם צו פראפאגאנדירען אין פערשיעדענע לענדער. ד"ר מענטשעל לעגט פאר מע זאל דעם קאנגרעס דריבער מאכען אלע מאל ערגיץ אנדערש, ווייל דער קאנגרעס אליין איז שוין א גרויסע פראפאגאנדע. מערקווירדיג ווי דיזע לייט פערשטעהן ניט אז פראפאגאנדירען אין דער גאנצער וועלט, קען מען נור אין דער גאנצער וועלט, דאס הייסט דורך די ציוניסטען אומעדום. זיי האבען אבער א פנים געוואלט שלאפען רוהיג אונ דאס וויענער קאמיטעט פון 5 מענשען וועלכעס האט אהן דעם אויך גענוג ארבעט זאל פאר זיי אלעס אבטהון.

3) דאגעגען זענען אויך כמעט אלע רעדנער ניט צופריעדען מיט דער רעגענשאפט, וועלכע האט פארגעססען צו דערצעהלען, וואס פאר גרויסע דיענסטע סע האבען געטהון איינצעלנע ציוניסטען אין איינצעלנע לענדער. דיזע טענות האבען אפט מאל ניט געקענט האבען קיין אנדער ווירקונג אויפ'ן צוהערער ווי ביי איהם ארויסרופען א פעראכטענדען שפאט איבער די קליינע מענשעליך, וועלכע פארשטעהען ניט אז אמת'ע פאלקס-ארבעטער זענען העכסט אונצופריעדען, ווען מע שטעלט ארויס זייער ארבעט ווי עפעס אזוינס פאר וועלכען סע קומט א דאנק. אמת'ע פאלקס-ארבעטער זענען צופריעדען מיט זייער ארבעט אליין, אונ דארפען קיין שום לויב ניט פון קיינעם. — ניט ווייניגער לעבערליך האט אפט מאל אויסגעקלינגען דאס נדלות, מיט וועלכען א רעדנער האט דערצעהלט ווי יענער אדער דער ארבעטער האט פארקויפט גאנצע הונדערט אקציען פון דער יודישער קאלאניאל-באנק אין דער צייט ווען א יעדער פון אונז האט פארקויפט הונדערטער אונ טויזענדער אקציען אונ מיינט גאר ניט דערביי אז ער האט געטהון א־א גרויסע זאך.

4) פון איין זייט האט מען אויסגעדריקט די אונצופריעדענהייט וואס דאס אקציאנס-קאמיטעט איגנארירט אין גאנצען די קאלאניזאציע אין פאלעס-

מינא, פון דער אנדערער זייט אבער, האט מען געפאדערט אז דאס אקציאנס-קאמיטעט זאל שטרענג אויפטרעטען געגען די טרייבערייען פון געוויסע פארשוינען, וועלכע רופען זיך בלומערשט חובבי-ציון און באמת זוכען זיי נאר צו ברענגען שאדען דעם ציוניזם.

5) אנדערע רעדנער בעקלאגען זיך: אמאי איז אין דעם רעכענשאפטס-בעריכט ניטא קיין פאדראבנע (דעטאילס) סטאטיסטישע דאטען איבער דער צאהל פון די ציוניסטען, פון די פעראיינע, איבער שטאנד און לאגע פון די ציוניסטען אין יעדער ארט.

6) בעזאנדערס ערביטטערט האבען אויפגעטרעטען ד"ר וויצמאן, מאצקין און ד"ר ברוק אקעגען דער ארט און וויזע ווי דאס ווינער קאמיטעט האט זיך פערהאלטען צו די פערטרויענס-מאנער אין די איבריגע לענדער. אפטמאל האט מען זיי אפילו ניט געענטפערט אויף זייערע בריעף, און ווער שמועסט שוין פון אנ'עצה האלטען מיט זיי וועגען וויכטיגע ענינים. דאס ווינער קאמיטעט האט זיך געפיהרט גאנץ דעספאטיש, סע האט געטהון וואס סע האט געוואלט און ווען סע האט געוואלט, און זיינע צירקולארען צו די פערטרויענס-מאנער האבען מעהרסטענס-טהיילס געטראגען דעם כאראקטער פון בעפעהלען. די רעדנער פאדערען דורכאויס אז דאס ווינער קאמיטעט זאל זיין אבהענגיג פון די פערשיעדענע לאנדעס-ארגאניזאציאנען, זאל זיך מיט זיי מוזען בעראטהען און זיי תיכף מודיע זיין וואס סע האט אבגעטהון.

7) מאצקין פאללט חוץ דעם נאך אן אויף דעם אקציאנסקאמיטעט, וואס סע לעגט אזוי ווענִיג ווערטה אויף די בעשליססע פונם קאנגרעס. ער ווייזט צום ביישפיל אן אויף דעם בעשלוסס פונ'ם צווייטען קאנגרעס נאך וועלכען די באנק דארף ארבעטען נאר אין סוריא און פאלעסטינא, לסוף האט מען אין דעם אוסטאוו (שטאטוטען) פון דער באנק נאך מוסיף געווען „... און אין אנדערע טהיילען דער וועלט". — ווייטער געפונט העררי מאצקין, אז ד"ר הערצל האט זיך שוין צופיעל בענוטצט מיט הבטחות אין זיינע אגיטאטארישע רעדען; ער ווייזט אן אויף דער בעקאנטע רעדע אין לאנדאן, וואו ד"ר הערצל האט זיך אויסגעדריקט: ער האפט אז דער טאג פון אונזער היימקעהר איז שוין נאהנט, א סך נאהנטער ווי מע קען זיך אפשר פארשטעללען. ער האט דאס

גֶעזָאגְט מִיט אַזַא זִיכֶערְהֵייט אַז זַיינֶע װֶערְטֶער הָאבֶּען גֶעקְלֶענְט עֶרְוֶועקְען צוּ גְרוֹיסֶע הָאפְנוּנְגֶען אִינְ'ם פָאלְק אוֹיף אַ בַּאלְדִיגֶער יְשׁוּעָה. הד' מָאצְקִין מֵיינְט אַז מֶע טָאר נִיט דֶעם פָאלְק צוּ גְרוֹיסֶע הַבְטָחוֹת מַאכֶען, װעלְכֶע מִיר װֶעגֶען נִיט זִיכֶער אַז מִיר װֶעלֶען זֵיי קֶענֶען אוֹיסְפִיהְרֶען.

דִי וִיכּוּחִים הָאבֶּען אִין אֵיינִיגֶע שְׁטֶעלֶּען זִיךְ אַזוֹי צֶעהִיטְצְט, אַז סֶע הָאט אוֹיסְגֶעווִיזֶען ווִי דִי רֶעדְנֶער ווִילֶען אָנְגְרֵייפֶען פֶערְזֶאנְלִיךְ דִי צֶענְטְרַאל־לֵייטוּנְג. ד"ר הֶערְצְל הָאט זִיךְ דְרִיבֶּער אוֹיךְ גֶעמֶעלְדֶעט צוּם װָארְט אוּם יֶעדֶען אָבְצוּעֶנְפֶערֶען. עֶר זָאגְט: װֶעגֶען דִי פֶערְהֶאלְטְנִיסֶע צְווִישֶׁען דֶעם אַקְצִיאָנְס קָאמִיטֶעט אוּנ דִי לַאנְדֶעס אָרְגַאנִיזַאצְיָאנֶען הָאבֶּען שׁוֹין דִי גֶעשִׁיכְטֶען אִין גַאלִיצְיֶען מִיט װֶעלְכֶע עֶר ווִיל זִיךְ, ווִי בֶּעקַאנְט, נִיט נֶאהֶענְטֶער בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען, גֶענוּג אַרוֹיסְגֶעווִיזֶען אַז סֶע אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ מִיט מַאנְכֶע פַארְשׁוֹינֶען צוּזַאמֶען צוּ אַרְבֵּייטֶען. װֶעגֶען דִי פֶערְהֶאלְטְנִיסֶע אָבֶּער צוּ דִי פֶערְטְרוֹיֶענְסְמֶאנֶער, לֶעגְט עֶר פָאר דִי קַאפִּיר־בִּיכֶער פוּן װֶעלְכֶע מֶע קֶען אַרוֹיסְזֶעהֶען אַז עֶר הָאט אוֹיף יֶעדֶע אַנְפְרַאגֶע רֶעכְטְצֵייטִיג גֶעעֶנְטְפֶערְט. אוּנ אוֹיב סֶע הָאט זִיךְ אַמָאל דֶער עֶנְטְפֶער פַארְשְׁפֶּעטִיגְט אִיז עֶר דְרִינֶען נִיט שׁוּלְדִיג, וַוייל דָאס אִיז פָאר־גֶעקוּמֶען אִין דִי צֵייטֶען װֶען עֶר אִיז נִיט גֶעוֶועזֶען אִין דֶער הֵיים (ד"ר הֶערְצְל הָאט, ווִי בֶּעקַאנְט, אִין דֶעם יָאהְר זֶעהְר פִיעל אַרוּמְגֶערֵייזְט צוּלִיב צִיוֹנִיסְטִישֶׁע צְוֶועקֶען). — דִי אַגִיטַאצִיֶע אִין פֶערְשִׁיעדֶענֶע לֶאנְדֶער מוּזֶען פִיהְרֶען דִי לַאנְדֶעס־קָאמִיטֶעטֶען אַלֵיין, עֶר ווַייזְט דֶערְבַּיי אָן אַלְס בַּיישְׁפִּיל דִי קָאמִיטֶעטֶען אִין עֶנְגְלַאנְד אוּנ אִין אַמֶערִיקַא. — אַז אִיבֶּערְהוֹיפְּט אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אֵיינִיגֶע פֶעהְלֶער אִין דֶער אַרְבֶּעט, דָאס אִיז עֶר מוֹדֶה, נָאר מֶע דַארְף נִיט פֶערְגֶעסֶען אַז דִי בֶּעוֶועגוּנְג אִיז נָאךְ צוּ יוּנְג, ווִי מֶע זָאגְט, אִין דִי קִינְדֶערְשֶׁע שִׁיכְלֶעךְ, אוּנ דְרִיבֶּער אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ סֶע זָאלֶען נִיט פָארְקוּמֶען קַיין פֶעהְלֶער. — זִיךְ אַרַיינְלָאזֶען אִין אַ שְׁטְרַייט מִיט קְלֵיינֶע גְרוּפֶּען דִי זָאגֶענַאנְטֶען חוֹבְבֵי־צִיוֹן דָאס קֶען דֶער ווֵיינֶער קָאמִיטֶעט בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט. — װֶעגֶען סְטַאטִיסְטִישֶׁע דַאטֶען אִיבֶּער'ן צִיוֹנִיזְם זָאגְט ד"ר הֶערְצְל צוּ אַז עֶר װֶעט זִיךְ בֶּעמִיהֶען אִין דִי קִינְפְטִיגֶע רֶעכֶענְשַׁאפְטֶען זֵיי אַיינְצוּפִיהְרֶען אַבִּי נָאר — דִי לַאנְדֶעסְקָאמִיטֶעטֶען װֶעלֶען אִיהְם דָאס מַאטֶערְיַאל פֶערְשַׁאפֶען. עֶר וַוארְפְט אוֹיךְ יֶעצְט דֶעם פָאר־וואוּרְף צוּרִיק צוּ דִי לַאנְדֶעס־אָרְגַאנִיזַאצְיָאנֶען, װֶעלְכֶע הָאבֶּען, אָדֶער גָאר נִיט,

אדער אינ'ם לעצטען טאג פאר'ן קאנגרעס, געבראכט זייערע רעכענשאפטען אזוי אז איהם איז אונמעגליך געוועזען זיי אין דער אלגעמיינען רעכענשאפט אריינצופיהרען. — איינמיצער האט דא נאך גערעדט וועגען אונזערע בעציהונגען צום דת, איך מוז דריבער נאך אמאל איבערחזר'ן מיינע ווערטער ביים ערשטען קאנגרעס: „מיר זענען נאציאנאל-געזינטע יודען און ווילען זיך אצינד מיט רעליגיאזע פראגען ניט בעשעפטיגען”. — וועגען דעם באנק-שטאטוט לייענט הערצל פאר א טעלעגראממע אין וועלכער ער האט זיינערצייט דאס באנק-קאמיטעט אין שטרענגסטער פארמע אויפגעפאדערט זיי זאלען זיך פעסט האלטען אן דעם בעשלוסס פונ'ם קאנגרעס. ווען אבער זיי האבען דאס ניט געטהון, איז ער דריגען ניט שולדיג. איבריגענס וועלען מיר נאך די געלעגענהייט האבען ביי דער באנק-פראגע פון זיי איבער דיזען אומשטאנד ערקלערונג צו פאדערען. וועגען זיינע רעדען אין לאנדאן זאגט ער, אז ער ווייסט ניט אויב ער האט ניט געהאט דאס רעכט זיך מיט זיינע ברודער חאטש אביסעל טהיילען מיט דער האפנונג וועלכע האט דעמאלט אנגעפוללט זיין הארץ; דעמאלט ווען ער האט שוין געוויסט אז דער דייטשער קייזער וועט איהם עמפפאנגען אין ירושלים, דעמאלט ווען ער האט צום ערשטען מאהל געזעהען אז זיין חלום ווערט א טהאטזאכע, א פאליטישער פאקט, געגען וועלכען מע וועט שוין ניט קענען אויפטרעטען מיט חוזק-מאכען אזוי וויעס איז ביז היינט געוועזען דער פאלל. דערביי בעקלאגט זיך ד"ר הערצל אויף דער נידריגער אגיטאציע, וואס ווערט געפיהרט אקעגען איהם און אקעגען ציוניזם אין גאנצען, און ער גיבט זיך איבער דער האפנונג אז סע וועט ענדליך קומען די צייט, ווען מע וועט די מענשען מיט גערעכטיגקייט בעהאנדלען, וועלכע אפפערן היינט זייער בעסטעס צוליב דיזער בעוועגונג. (שטירמישער בייפאלל פון אללע זייטען).

ארחיטעקט מארמארעק ענטפערט אויך אויף די בעמערקונגען וואס די רעדנער האבען אויסגעדרוקט אקעגען זיין רעכענשאפט בעריכט. ער זאגט: ער ווייסט אלליין אז נאך ניט אללעס איז געטהון געווארען וואס סע דארף צו זיין, מע מוז אבער געדענקען אז די גאנצע ריזיגע ארבעט איז ארויף געווארפען גאר אויף פינף מענער וועלכע האבען דערביי נאך עפיס א נעבענ-געשעפט

(מונטערע צושטימונגען) . דער רעדנער ווייזט אן אז אויך די חובבי ציון זענען אין דעם יאהר אויסגעוואקסען, אונ פערלאנגט אז זיי זאלען אויך געבען רעבענשאפט איבער זייערע מיטלען . דעם קאנגרעס איבערצופיהרען אין איין אנדער שטאדט בעטראכט ער פאר ניט גליך. גענוג – זאגט ער – זענען מיר שוין צוויי טויזענד יאהר אומגעוואנדערט, געוועזן „דער עוויגע יודע״ , יעצט לאמיר דאנקען דער שטאדט באזעל וואס זי האט אונז אזוי פריינדליך אויפגענומען . באזעל איז פאר אונז געווארען א היסטארישע שטאדט, באזעל האט פאר אונז אצונד אגרויסען ווערטה, אונ דרום ווילען מיר דא בלייבען ביז מיר וועלען קענען געהען אהין וואוהין מיר שטרעבען . – אם ענדע בעט דער רעדנער דער קאנגרעס זאל בעשטעטיגען די רעכענשאפט.

ה׳ פריידענבערג בעמערקט אלס רב אונ אלס דעלעגירטער פון א גרויסער יודישער געמיינדע, אז דאס יודישע פאלק האט צוטרויען צו זיינע פיהרער אונ די גאנצע קריטיק וואס פערשידענע רעדנער האבען דא אויסגעדרוקט איז נאר מיט דער כונה איינעגע פעהלערן אויסצובעססערען. ער לעגט דריבער אויך פאר מע זאל אויסדריקען דאס פאלסטע פערטרויען דעם פרעזידענטען ד״ר הערצל, דעם וויענער אקציאנס-קאמיטעט אונ דעם גרויסען אקציאנס-קאמיטעט .

דער קאנגרעס איז שוין געוועזן ווי עס שיינט בעפרידיגט אונ האט שוין געוואלט אויסדריקען דער לייטונג דאס אבזאלוטאריום (דאס הייסט דאס פאללשטאנדיגע מסכים-זיין) נאר דא איז ווידער פארגעקוממען א צווישען-פאלל, וועלכער האט דעם קאנגרעס אויפגערעגט :

ה׳ בענטוויטש אוים ענגלאנד בעמערקט . אז אין דער רעכנונג זענען איינעגע הוצאות אויפגעשטעללט בכלל, אונ ער וואלט א בעלן געוועזן צו וויסען דעם חשבון פון די הוצאות יעדע בעזונדער, אונ לעגט דריבער פאר, מע זאל דעם חשבון ניט בעשטעטיגען ביז די פרטים וועלען ניט אנגעגעבען ווערען :

ה׳ יארק-שטיינער, שפרינגט אויף, ער ווינדערט זיך העכסט אויף העררן בענטוויטש וועלכער ווייסט מעהר ווי אנדערע וויפיל געלט די פיהרער האבען צוגעלייגט פון זייער טאשע, זאל ער שטעללען אזא אנטראג, וועלכער שיינט, אלס ער איז חושד דאס אקציאנס-קאמיטעט .

ד"ר הערצל ענטפערט געלאסען, ער איז מסכים צו דער פאדערונג פון העררן בענטוויטש, נאר ער מיינט אז מע דארף פון דעסטוועגען בעטראכטען די מעגליכקייט וואס סע קען דערפון ארויסקומען, סע קען זיך צוליב דעם אויפהעבען א וכוח, וועלכער זאל פון אונז אבבייסען איינינע טיכטינע מיטארבעטער*). איבריגענס איז די זאך ניט אזוי געפעהרליך. מיר קענען מיט דאקומענטען אויסווייזען די ריכטיגקייט פון אונזערע אויסזאגען. וועגען דער נוצליכקייט, אבער פון די אויסזאגען קען מען בשום אופן ניט אפענטליך אונטערהאנדלען.

ד"ר פריידענבערג פערלאנגט מע זאל אונבעדינגט אבשטימען איבער זיין אנטראג אויף אבזאלוטאריום.

דער קאנגרעס איז אביסעל אין פערווירונג איבער דיזער אנגעלעגענהייט, דאך באלד דרויף געהען איינער נאך דעם אנדערען ארויף אויף דער בימה די פארשטעהער פון פערשידענע לאנדסמאנשאפטען און זענען מודיע אינ'ם נאמען פון זייערע מיטגליעדער, אז זיי זענען גאנץ צופריעדען מיט דער רעכנונג און ווילען גאר ניט וויסען פון די פרטים. די סצענע איז געווען האלב קאמיש און האלב זאנדערבאר. יעדענפאלס אבער איז דאס געווען פאר ה' בענטוויטש און פאר די איינינע וועלכע האבען איהם אונטערגעהאלטען, א פאטש אין פנים, און די אבשטימונג האט עס בעזאנדערס געצייגט דען דאס אבזאלוטאריום איז איינשטימיג אנגענומען געווארען. איך האב בעמערקט ווי ה' בענטוויטש מיט זיינע געזיננונגסגענאססען האט ניט מיטגעשטימט פאר, אבער אויך ניט געגען דעם אנטראג.

נאכדעם ווי דער קאנגרעס האט אויסגעדרוקט דעם אקציאנס-קאמיטעט זיין פערטרויען האט ד"ר הערצל ווידער איבערגענומען דעם פארזיץ, און

*) בדי צו פארשטעהען וואס הערצל האט דער מיט געמיינט, מוז מען וויסען אז אונטער די הוצאות געפינען זיך א'נ'ערך פון 10 טויזענד רובעל וועלכע דערזעלבער הערר בענטוויטש האט צוגענעמען פאר'ן צוזאמענשטעללען און טווערדיזען דעם אוסטאוו (שטאטוטען) און וועלכע מע האט איהם געמוזט געבען ווייל ער איז געוועזן דער איינציגער יוריסט צווישען די עיינגלישע ציוניסטען מיט א גרויסען נאמען און מע האט געמוזט אנקומען צו זיין לאסקע. מע דארף דריבער הערצל'ס ווערטער פארשטעהען גיכער אלס איראניע.

האט דאס ווארט ערטהיילט העררן וואלפסאן דעם פרעזידענט פון דער באנק-קאממיססיאן.

ה' וואלפסאן האט דערצעהלט פון די אונגעהייערע שוועריגקייטען וואס די קאממיססיאן האט געפונען אויף איהר וועג ביים גרינדען די קאלאניאלבאנק, ווי אפט מאל האט די קאמיססיאן געמוזט האנדלען ניט נאך איהר אייגענעם ווילען, זאנדערן נאך דער נאטהיגקייט פון די אומשטאנדען. ער וויל דערמיט זיך פארענטפערען וועגען דעם געוויסען פונקט אין די שטאטוטען וועלכער איז ניט לויט דער קאנגרעס האט בעשלאססען. ווייטער קלעהרט ער אויף צוליב וועלכען צוועק מע האט געמאכט די גרינדער-אקציען, וועלכע האבען אזוי פיל דעות ווי אלע איבעריגע אקציאנערען צו זאממען. א אקציאנער, זאגט ער, קען זיין יעדער ווער סע קויפט איין אקציע. די באנק אבער, ווילען מיר, זאל זיין נאציאנאל ציוניסטיש, אפילו דעמאלט ווען די אקציען וועלען זיך געפונען ניט אין ציוניסטישע הענד. דריבער האבען מיר ארויסגעגעבען די 100 גרינדער-אקציען וועלכע געהערען דעם קאנגרעס און דער קאנגרעס גיבט זיי יעדעס יאהר איבער דעם אקציאנס-קאמיטעט וועלכען ער קלויבט עס. דערמיט האבען מיר אויף תמיד געזיכערט אז די באנק זאל זיין אונטערווארפען דעם קאנגרעס, דאס הייסט דעם יודישען פאלק, ווייל אינ'ם קאנגרעס קענען אנטהייל נעמען אלע יודען, וועלכע זענען מסכים מיט דעם ציוניסטישען געדאנקען. מיר קענען אלזא רוהיג זאגען: „די גרינדער-אקציען זענען דאס גאנצע געזעטץ פון דער יודישער קאלאניאלבאנק, דאס איבעריגע איז נאר א פירוש.“ — ער שפריכט ווייטער אוים זיין דאנק אללע ארבעטארער, וואס האבען אזוי בעגייסטערט פיר די באנק געארבעט. זיי אלע אנרופען ביי די נאמען איז אוממעגליך ווייל זיי זענען זעהר פיעל. מיט זייער בעגייסטערונג האבען זיי אויך דעם באנק-קאמיטעט אריינגעגעבען נייעם מוטה און ענערגיע צו ארבעטען ניט קוקענדיג אויף די אלע שטערונגען וואס מע האט זיי פון פערשיעדענע זייטען אונטערגערוקט. ער ענדיגט מיט די ווערטער: „האכגעעהרטע פער-זאממלונג, דאס, צוענדע געהענדע, יאהרהונדערט האט אונז, יודען, געשענקט צוויי טייערע מתנות, וועלכע די שפעטערע דורות וועלען ערשט

רעכט פארשטעהען זייער ווערטה, די ערשטע מתנה איז דער קאנגרעס, וועלכער האט אויפגעזאממעלט די צעשטרייטע אברים פון אונזערע ברי־דער און זיי ווידער געמאכט פאר א פאלק, די צווייטע, דורך וועלכער מיר האפען הויפט־זאכליך צו קוממען צו אונזער ציעל איז — די יודישע קאלאניאלבאנק!".

נאך א קליינעם אנטראקט איז די זיטצונג ווידער אויפגענוממען געווארען, און עס האבען זיך אנגעהויבען די וויכוחים איבער דעם רעפעראט פון ה' וואלפסאן און איבער דער באנק־פראגע. די וויכוחים האבען זיך פארצויגען ביז זייגער 1 ביי נאכט. דער עולם איז געווען שטארק מיעד פונ'ם טאג, ובפרט איהר מוזט וויסען אז דאס רוב פון די דעלעגאטען רוהט ניט אפילו צווישען די זיטצונגען ווייל זיי נעמען א אנטהייל אין די בעראטהונגען פון די קאמיסיעס, וועלכע האלטען זייערע זיטצונגען אויף דער נאכט, אין דער פריה און ביי טאג, צווישען די הויפט־זיטצונגען פונ'ם קאנגרעס. אויף עמיצענס פארשלאג איז דער פרעזידענט מסכים איבערצורייסען די וויכוחים איבער דער באנק ביז מארגען פריה און פארמאכען דעם קאנגרעס. דעמאלט איז שוין געווען באלד 2 אזייגער ביי נאכט.

דער דריטטער טאג 5/17 אויגוסט

אין דער ערשטער זיטצונג פונ'ם דריטטען טאג ערקלעהרט צוערשט ד"ר הערצל, אז חאטש דער קאנגרעס האט בפירוש זיך אויסגעדריקט אגעגען דעם פערלאנגען פון הערר בעטוויטש וועלכער האט פערלאנגט מע זאל פארלעזען די הוצאות מיט אלע פרטים, רעכענט ער אבער אז דאס קען געבען אונזערע שונאים א געלעגענהייט אויף אונז מוציא־שם־רע זיין, זיי וועלען זאגען מיר בעהאלטען אומזיסטען ווייל מיר האבען מורא זיי ארויס צוזאגען. איך בין דריבער בעאויפטראגט פון דער פינאנץ־קאמיסיע ווי וויט מעגליך די פרטים איך פארצולעזען נור מיט דעם בעדינג — קיין ווייטערע וויכוחים דאראן ניט איינצוקניפען. ער לעזט פאר די הוצאות פאדראבנע (אין דעטאיל).

ווייטער, זאגט ד"ר הערצל, האט מען מיך דערמאנט אז איך האב

געבטען פארגעסען צו ענטפערען ד"ר װערנער װעגען דעם װאס איך האב געערדט פון א טירקישען טשארטער און ניט פון „אפענטליכע גאראנטיען" װי סע הייסט אינ'ם באזעלער פראגראם. ער ערקלערט אז סע איז איהם קיינמאל ניט איינגעפאללען אין קאפ אבצוטרעטען פונ'ם באזעלער פראגראם דער „טשארטער" איז נור דער ערשטער שריט װאס מיר האפען צו טהון און װעלכער װעט פיהרען צו די אפענטליך־רעכטליכע גאראנטיען.

די רעבאטטען װעגען דער באנק, װעלכע זענען געבטען ביינאכט איבערגעריסען געװארען הייבען זיך װידער נאכדעם אן.

די באנק־װכּוחים האבען ארויסגעשטאממט פון די רוסישע ציוניסטען. זיי האבען אויסגעארבעט א גאנץ צעטיל פונקטען פון דעם באנק־אוסטאװ, װעלכע דארפען נאך זייער מיינונג. איבערגעביטען אדער צורעכטגעמאכט װערען. אלס משולח פון די רוסישע דעלעגאטען אין דיזער אנגעלעגענהייט האט ארויסגעטרעטען פראפעססאר בעלקאװסקי פון פעטערסבורג און ער האט זעהר ענערגיש פארטהיידיגט אונזערע פאדערונגען.

בעצם זענען די פאדערונגען געװען זעהר גערעכט און מע האט גע־מוזט דרויף זיך עקשענ'ן אז דער קאנגרעס זאל זיי אננעמען, אומגערעכט זענען נור געװען די רעדנער דערמיט װאס זיי זענען אנגעפאללען אויף'ן אקציאנס־קאמיטעט גלייך װי ער האט עפּעס בעזונדערע כּונות אין דעם אז מע זאל די פונקטען ניט צורעכטמאכען.

דער הויפּט פון די פונקטען איז בעשטאנען אין דעם:

1) אז קאלאניזירען יודען זאל די באנק מעגען נור אין ארץ־ישראל ניט אין אנדערע לאנדער.

2) אז מע זאל נאך מעהר בעװארענען, אז די גרינדער־אקציען, װעלכע האבען די רעכטע דעה אויף דער באנק זאלען תּמיד אבהענגען פונ'ם קאנגרעס.

3) צונעמען דאס רעכט ביים אקציאנס־קאמיטעט עמיצען אװעקשיי־קען א גרינדער־אקציע אויף לעבענס־לאנג. דער רוב פון די דעלעגאטען האבען גאר געפאדערט אז אפילו דער קאנגרעס אליין קען ניט גיבען אזא מתּנה. ער קען נור גיבען די אקציעס בּיז'ן אנדערען קאנגרעס אבער ניט אויף תּמיד.

4) צורעכט-מאכען די פונקטען וועלכע גיבען אין דער באנק שוין גאר א גרויסען יד די גבירים. למשל אז א דירעקטאר מעג נור זיין דער, ווער עס האט 500 אקציעס פון דער באנק. דאס זאגען זיי איז ניט ביושר, ווייל אפשטאל קען מען האבען א ערליכערען און טיכטיגערען דירעקטאר אונטער די ציוניסטען וואס פארמאגען גראדע ניט אויף צו קויפען 500 אקציעס. וכדומה נאך אזעלכע פונקטען וואס פארשטעלען דעם וועג צו דער באנק פאר די פשוטע ציוניסטען.

מילא מיט די אלע פונקטען וואלט מען זיך געווען געקענט זעהר גיך אויסגלייכען, נור דער פונקט 3 האט ארויסגערופען א גאנצע סומאטאכע (פערווירונג). די מעשה דערפון איז אזוי: נאך גאר לאנג האט דאקטאר הערצל צוגעזאגט די 7 דירעקטארען וועלכע האבען זיך אזוי מוסר נפש געווען די באנק צו גרינדען, און דערפאר נאטירליך ניט געגעבען קיין קאפיקע שכר טרחה, אז דער קאנגרעס וועט זיי דערפאר אנטהון דעם כבוד און זיי לויט אוסטאוו, שענקען יעדען איין גרינדער-אקציע אויף לעבענס-לאנג.

ווער האט דעם דאקטאר הערצל ערלויבט צו מאכען אזא הבטחה? דרויף איז דא 2 תשובות: ערשטענס האט ער מעהר פון אונז אלע געזעהען אויף וועלכער וואגשאל די גרינדונג פון דער באנק איז געשטאנען, און וויל ער האט אפשר אויך מעהר פון אונז אלע געוואוסט ווי נייטיג אונז די באנק איז, און ווי נייטיג אונז זענען די געמען פון די באנקירים, וועלכע האבען זיך אלס דירעקטארען אונטער געשריבען אויפ'ן פראספעקט פון אונזער באנק, האט ער זיך ענטשלאססען אין אזא קריטישער מינוט צו טהון איין עבירה אקעגען קאנגרעס, אבי מציל צו זיין אונזער בעסטען רעיון — די יודישע קאלאניאלבאנק.

אויב די מעשה איז אזוי, דארפען אלע ערליכע ציוניסטען אוודאי נור דאנקען דעם דאקטאר הערצל פאר זיין מוטה און אייזערנעם ווילען וועלכער שטעלט זיך פאר קיין זאך ניט אב.

ס'איז אבער דא נאך א צווייטער תירוץ וועלכער נעמט שוין גאר אראפ די שולד פון ד"ר הערצל און ווארפט זיי ארויף אויף אונזערע פיהרער. די מיטגליעדער פונ'ם אקציאנס-קאמיטעט.

נאך פאר פסח בעת דאס אקציאנס קאמיטעט האט זיך פארזאממעלט אין וויען אונ מע האט גערעדט וועגען די באנק ענינים, האט זיך הערצל געאייסערט אז מע וועט מוזען די 7 דירעקטארען גיבען 7 גרינדער אקציעס. אונזערע ראשים האבען דאס איינגעשלינגען אונ דרויף גאר ניט געענטפערט. הערצל האט דריבער געקענט קלעהרען אז זיי זענען דערמיט מוסכם, דען זאנסט וואלטען זיי געדארפט! געגען דעם פראטעסטירען. אונ אז הערצל האט נאכדעם צוגעזאגט די דירעקטארען די אקציעס, האט ער געמיינט אז ער זאגט זיי צו וועניגסטענס מיט דער הסכמה פונ'ם גאנצען אקציאנס-קאמיטעט אין וועלכען דער קאנגרעס האט דאך געוויס בטחון.

נור ווי די מעשה איז, אונזערע פאלקס-פערטרעטער האבען דערפון גאר ניט געוואלט וויסען. זיי האבען מיט רעכט געטענה'ט אז די גרינדער-אקציען זענען אונזער גאנצע גאראנטיע אז די באנק וועט זיך פיהרען ציוניסטיש, דעריבער מוזען דיזע אקציען קעהרען נור צום פאלק אונ ניט צו קיין אנדערען, ער מעג זיין ווער ער איז.

איהר קענט פארשטעהען אז ביי אזא געלעגענהייט, וואו די עהרליכסטע אונ באטראכטעטע ציוניסטען האבען געמוזט שטעהען א קעגען הערצל'ן, האבען שוין מסתמא די יונגליך פון אלע מינים געהאט גענוג ארט ארויסצוווייזען זייער עזות אונ חוצפא. באמת איז טאקע אזוי געוועזען, אונ דרום האבען זיך די וויכוחים פארקאטשעט גאנץ ווייט אונ זענען פון מינוט צו מינוט געווארען זידיגער.

דער גאנצער עולם איז געוועזען העכסט אנגעשטרענגט אונ האט געשלונגען די ווערטער פון די רעדנערס; יעדער האט געפיהלט אז די מינוט איז זעהר מסוכן, אט אט קען אויסשפרינגען א סקאנדאל, אונ מע האט דריבער פון גאנצען הארצען געגלוסט סע זאל שוין נעמען א'נ'עק פון די וויכוחים.

דער אינטערעססאנטעסטער אין דער מינוט איז געוועזען דאקטאר הערצל. איך האב פון איהם קיין אויג ניט אראבגעלאזט. אויף זיין פנים איז געוועזען אנגעשריבען זיין אייזערגער, ניט צום בייגענדיגער, ווילען. אונ דאס ציטטערען פון זיינע גרויסע שווארצע ברעמען, די פייערינע שפריצען פון זיינע ברענע-

דיגע אויגען און דאס טיעפע פארקנייטשען אלע מאל דעם שטערען – האבען געוויזען פון איין זייט זיין שטארקע אונגעדולד און ניט-צופריעדענהייט פון די גאנצע וויכוחים, און פון דער אנדערער זייט אז ביי איהם אין הארצען קומט פאר עפיס זעהר א שווערע מלחמה.

דערווייל האט זיך העררר וואלפסאן דער הויפט-דירעקטאר פון דער באנק געמעלדעט צום ווארט. ער זאגט אינ'ם נאמען פון זיינע פינף חברים וואס זענען דא אצונד ביים קאנגרעס (דער זיבעטער, ה' היימאן פון האאג איז ביים קאנגרעס ניט געווען), אז בעת זיי האבען ביים קאמיטעט געבעטען די גרינדערשאקציען האבען זיי חלילה ניט געמיינט דאס פאר א באצאהלונג פאר זייער ארבעט; זיי זענען אזוינע גוטע ציוניסטען ווי אלע אנדערע, און נאר דערפאר ווייל זיי זענען אין זיך זיכער אז זיי וועלען תמיד זיך שטרעבען נור צום ציוניסטישען ציעל, האבען זיי דריבער געוואלט האבען א דעה אויף דער באנק. איצט אבער אז זיי זעהען אז דער קאנגרעס איז דערפון ניט צופריעדען, לאזען זיי דעם דאקטאר הערצל ארויס פונ'ם ווארט און זאגען זיך אב פון די אקציעס. דערמיט מיינען זיי ניט אוועקווארפען זייער ארבעט צוליב דער באנק, אדרבא זיי וועלען מיט דער אייגענער ענערגיע און זעלבסט-אויפאפפערונג ווייטער ארבעטען ביז זיי וועלען ברייגען די באנק צו איהר העכסטען שטאנד.

איהר קענט פארשטעהען מיט וואס פאר א התלהבות דער קאנגרעס האט בעגעגנט די ווערטער פון העררן וואלפסאן. „אט דאס הייסט אמת'ע ציוניסטען!” האבען אויסגערופען פיעלע, און מע האט געמיינט אז דער-מיט נעמט שוין א'נ'עק פון דער געשיכטע.

ד"ר הערצל האט אבער דרויף ווידער אמאל קאטעגאריש זאיאוועט (פעסטגעשטעללט) אז ער געפונט פאר אומעגליך אז דאס אקציאנס-קאמי-טעט זאל זיין ווארט ניט אויספיהרען. דאס איז נאך ווייניג, זאגט ער, וואס די הערען דירעקטארען זענען אזוי ליבענסווירדיג און לאזען אונז ארויס פונ'ם ווארט. דער פאקט בלייבט פארט אז מיר האבען געגעבען איין הבטחה וועלכע מיר זענען נאכדעם ניט אימשטאנד געווען אויסצופאלגען, און איך, ווענינסטענס פאר מיר, געפון פאר אומעגליך צו ארבעטען אין אזא אק-

ציאָנס-קאָמיטעט װעלכער האלט ניט קײן װאָרט.

די לעצטע װערטער האט ער זיך בעמיהט צו זאָגען אזױ װײך װי נאָר מעגליך. פון דעסטװעגען האבען זײ זײער װירקונג ניט פארפעהלט. פון אײן זײט האבען זײ דעם עולם נאָך מעהר אויפגעבראכט: „װי הײסט, האבען זײ זיך געהיטצט, ער װיל אונז נײטען מיר זאָללען אננעמען דאס װאס ער װיל! אונ אט דאס הײסט א פאָלקס-פערטרעטונג!" אונ פון דער אנדערער זײט האבען דערפיהלט אפילו די גרעסטע געגנער פון ד"ר הערצל, אז זײ שפּילען זיך דא מיט'ן שׂטן, דענן װי באלד הערצל זאל טאקע זיך אבזאָגען, איז ניטא קײן אנדערער אויף זײן אָרט. די באמטריעגע (זיטואציאָן) איז דעריבער געװען אײנע פון די שװערסטע, פון די פּלאָנטערטע.

אין דער מינוט רופט מיר אײן אין אויער מײן שכן, אויך א יודישער זשורנאליסט, „ער װעט אויפהערען, חאָטש ס'איז אליגען ער װאָלט זיך זיך ניט אבגעזאָגט!"

„יא, האב איך איהם געענטפערט, דער נצחון איז זײנער, נאָר נאָך א פּאאר אזױנע נצחונות אונ — אונזער ציוניזם איז קאפוט!".

דערװײל איז די אויפרעגונג אונטער'ן פובליקום געװאקסען פון מע-קונדע צו סעקונדע, מע האט זיך קײן עצה ניט געקענט געפונען, נאָכגעבען הערצל'ען איז שלעכט, דאס הײסט איבערגעבען אונזער גאנצען פאָלקס-שאטץ אין מענשען אין די הענד; ניט נאָכגעבען איז נאָך ערגער, מיר ריזיקירען צו פארלירען אזא גרױסע קראפט װי הערצל. אונ דערום האט דער עולם געבעטען מע זאל חאָטש אבלעגען די באלעטיראװקע (אבשטימונג) אויף נאָכמיטאג. דערמיט האט מען ניט געמײנט דעם מיטאג חאָטש מע שױן געװען זעהר שפּעט — עסען איז קײנעם ניט געגאנגען אויפ'ן הארצען — מע האט נאָר געװאָלט געװינען אביסעל צײט אויף באטראכטען זיך.

הערצל איז אבער אויך געװען זעהר אויפגערעגט אונ האט בשום אופן ניט געװאָלט אבלײגען די אבשטימונג ביז נאָכ'ן װארעמעס; ער האט געװאָלט אויפ'ן אָרט מאכען אײן ענדע. ער האט געלאָזט אבשטימען די פראגע צי מע זאל באלעטירען תיכף צי שפּעטער, אונ דער רוב דעות האט מסכים געװען אז מע זאל תיכף ענדיגען מיט דער באלאטיראװקע.

ערשט דערמאלט, האט הערצל אפנים דערפיהלט אז ער האט שוין צופיל צוגע-דריקט דעם עולם, און האט דריבער מודיע געווען אז ער ברעכט אונטער די זיטצונג אויף א האלבער שעה כדי די דעלעגאטען זאלען זיך מישב זיין צווישען זיך.

די רוסישע דעלעגאטען האבען זיך באלד צונויפגעקליבען אין א בעזונדער זאל און האבען אנגעהויבען ארום רעדען וואס מע האט דא צו טהון. — וואס דארט איז פארגעקומען איז אוממעגליך ארויסצושרייבען. די יונגליך האבען זיך דארט ארויסגעוויזען אינ'ם גאנצען גלאנץ פון זייער חוצפא און עזות אהן א גרעניץ; זיי האבען געפילדערט און סקאנדאלי-זירט וויפיל זייער הארץ האט געגלוסט. און ניט דער גרייזגרויער, פון עלטערען בעליבטער מאנדעלשטאם, ניט די ענערגישע שטימע פון ד"ר בערנשטיין-כהן און אפילו ניט די עדלע פרויענשטימע פון דער אלמנה פראפעסאר שפירא, זענען אימשטאנד געווען איינצופיהרען עפיס אין ארדנונג. ביז ענדליך האט דער געלאסענער און באטראכטער ד"ר משלענאוו דערלאנגט א מינוט ווען ער האט געגעבען צו פארשטעהן אז אצונד זעהען מיר מחויב נאכגעבען דעם ד"ר הערצל, און אז באמת שטעהט דא נאר ניט אזא סכנה, ווארום 7 פון הונדערט גרינדער-אקציעס קענען קיין גרויסע ווירקונג ניט האבען.

און דער עולם האט ענדליך פארשטאנען אז מע מוז אמאל צוליב דער טובה פון דער זאך אבטרעטען פון די פרינציפען, כדי טאקע מע זאל שפעטער קענען דיזע פרינציפען דורכפיהרען, און מיט א צעבראכען הארץ האבען זיי זיך צוריק אומגעקעהרט אין קאנגרעס-זאל כדי דארט אבגעבען זייערע שטימען לויט הערצל'ס רצון.

צוריקגעהענדיג צום קאנגרעס איז מיר אונטער געקומען א יונגער-מאן און האלטענדיג זיך ביים הארצען זאגט ער מיר: „זעהט איהר, מיט א שטיק הארץ באצאהל איך אצונד פאר הערצל'ס הבטחה, נאך אמאל, אבער, ווייס איך שוין ניט...“

מעהר האט ער ניט געקאנט רעדען וויל זיין קול איז פארשטיקט געוואָרען פון די טרעהרען, וואס זענען איהם אונטערגעקומען. איך קײב

זיך אין דער מינוט גֶעפִיהְלְט איבֶּערגְלִיקְלִיךְ; מִיר הָאבֶּען זיך אויך אָנְגֶעהוֹי-בֶּען גִיסֶען טְרֶעהְרֶען פון די אויגֶען, נור מַיינֶע טְרֶעהְרֶען זֶענֶען גֶעוֶוען פון שִׂמְחָה... וָואס פַאר אַ רָאלִיֶע, הָאבּ איך מִיר גֶעטְרַאכְט, שְׁפִּילְט בַּיי אַ פָאלְק פון 10 מִילְיָאן נְפָשׁוֹת אַ בַּאנְק מִיט אַ קַאפִּיטַאל פון 20 מִילְיָאן רוּבְּל! נָאךְ אַ מָאל 20 מִילְיָאן רוּבְּל און נָאךְ אַמָאל 20 מִילְיָאן רוּבְּל קֶענֶען גֶעהֶען לְאִבּוּד, אַז בַּיי אוּנְז זֶענֶען אָבֶּער נָאךְ דָא יוּנְגֶע לַייט, וָואס קֶענֶען זיך אַזוֹי נֶעמֶען צוּם הַארְצֶען די אִינְטֶערֶעסֶען פוּנ'ם כְּלַל, אַז סֶע זָאל בַּיי זֵיי אַרוֹיסְרוּפֶען טְרֶעהְרֶען, אִיז דָאס די בֶּעסְטֶע גַארַאנְטִיֶע אַז מִיר וֶועלֶען אוּנְ-זֶער זַאךְ אוֹיסְפִיהְרֶען!..

די אָבְּשְׁטִימוּנג הָאט נַאטִירְלִיךְ בֶּעשְׁטֶעטִיגְט די הַבְטָחָה פון ד״ר הֶערְצְל וֶועגֶען די 7 גְרִינְדֶער-אַקְצִיֶען, נור 7 שְׁטִימֶען זֶענֶען גֶעוֶוען דַאגֶעגֶען.

אַז סֶע זֶענֶען גֶעוֶוען 7 דֶעלֶעגַאטֶען, וֶועלְכֶע הָאבֶּען מַסְכִּים גֶעוֶוען אַז הֶערְצְל זָאל זיך אָבְּזָאגֶען, וָואלְט איך נָאךְ אֶפְשַׁר גֶעקֶענְט אִיבֶּערְקָאכֶען, אַז איך בַּאטְרַאכְט אָבֶּער וֶוער דִיזֶע 7 זֶענֶען גֶעוֶוען, וֶוערְד מִיר דָאס פָּנִים רוֹיט פַאר בּוּשָׁה און דָאס הַארְץ צֶעגַאנְגֶען פַאר וֶועהְטִיג!..

נָאךְ דֶער אָבְּשְׁטִימוּנג הָאט זיך דֶער קָאנְגְרֶעס אַבִּיסֶעל בֶּערוּהִיגְט און הָאט שׁוֹין אֵיינְשְׁטִימִיג אָנְגֶענוּמֶען דֶעם אַנְטְרַאג פון ד״ר בְּרוּק, מֶע זָאל די דִירֶעקְטָארֶען דוּרְךְ אַיין אַדְרֶעס אוֹיסְדְרוּקֶען דֶעם דַאנְק פוּנ'ם קָאנְגְרֶעס פַאר זֵייֶער גְרוֹיסֶער מִיה.

אוֹיף אִיבֶּערְקוּקֶען די אִיבֶּעריגֶע פּוּנְקְטֶען פון דֶער בַּאנְק הָאט מֶען אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען אַ קָאמִיסִיֶע פון 5 יוּרִיסְטֶען: ד״ר הֶערְצְל, ד״ר קָאקֶעש, ד״ר בָּארֶענְהַיימֶער, פְּרָאפֶעסָאר בֶּעלְקָאוְוסְקִי און ה' רָאזֶענְבּוֹים פון מִינְסְק.

ד״ר הֶערְצְל זָאגְט אַז עֶר ווִיל אִין דֶער קָאמִיסִיֶע נִיט זַיין כְּדֵי מֶע זָאל נִיט קֶענֶען זָאגֶען אַז עֶר הָאט עֶפִּיס אוֹיף אִיהְר גֶעווִירְקְט אַהֶער אָדֶער אַהִין, און עֶר רֶעקָאמֶענְדִירְט אוֹיף זַיין אָרְט דֶעם ד״ר שׁוֹיעֶר פון מַאיְנְץ. דֶער קָאנְגְרֶעס ווִילִיגְט דְרוֹיף אַיין.

ד״ר גֶעמִירָאוֶוער פון רוּמֶענִיֶען טְרֶעט אַרוֹיס אוֹיף דֶער בִּימָה, עֶר פַארְקַאטְשֶׁעט אַ רֶעדֶע וָואלְט אִיהְר גֶעמֵיינְט: גָאט וַוייסְט וָואס דָא אִיז אַ זוֹינְס גֶעשֶׁעהְן. דֶער סוֹף לָאזְט זיך אוֹיס: סְטֵייטְשׁ אִין דֶער קָאמִיסִיֶע הָאט מֶען

פארגעסען ארייננשטעללען א״נ׳ אדוואקאט פון רומעניען.

א נ׳איינהאלטענדעס לאבען איז איבערגעפלויגען איבער׳ן גאנצען קאנגרעס, און אויך אויף דעם פרעזידענטען-טיש. ד״ר הערצל ענטפערט איהם דאך העפליך אז ער וועהט ניט אינ׳ם גאנצען קאנגרעס קיין איינציגען דעלעגאט פון רומיניא איין אדוואקאט, און די רומינישע אדוואקאטען וואס זענען געבליבען אין דערהיים האט ער ניט די עהרע צו קענען.

דער רומינישער פארשטעהער בערוהיגט זיך אבער דערמיט ניט, און פאדערט אז די קאמיסיע זאל שוין אליין זיך נאכדעם, אבזוכען איין אדוואקאט פון רומיניא און איהם מצרף זיין צו די בעראטהונגען וועגען די באנק-פונקטען.

ווי לאכערליך דיזע פארדערונג איז געוועזען, גלייך ווי אהן דעם רומינער אדוואקאט קען חלילה די וועלט אונטערגעהען, האט מען דאך געמוזט מיט איהם מסכים זיין, ווייל מע האט שוין אזוי שארף אנידער געשטעללט ביים גאנצען קאנגרעס די פערשיעדענע לאנדסמאנשאפטען אז ער, אלס א ראבינער אין רומיניא, האט אויך געמוזט יוצא זיין פאר זיינע לאנדס-לייט און אבסטוינען זייער „כבוד״.

ענדליך האט דער קאנגרעס נאך בעשטעטיגט דעם אנטראג פון ד״ר וויינצמאן אז די קאמיסיע מוז מיט 3 חדשים פאר׳ן פאלגענדען קאנגרעס מודיע זיין די רעזולטאטען פון איהר ארבעט, כדי די דעלעגאטען זאלען זיך קענען צוגרייטען וועגען דער פראגע צום פיערטען קאנגרעס, און דערמיט האט זיך געענדיגט די באנק-פראגע.

די איבעריגע צייט פונ׳ם דריטטען טאג האבען פארנעמען פארשיעדענע רעדען: ד״ר גאסטער, דער לאנדאנער רב, האט געהאלטען א פארטרעפליכע רעדע איבער יודישער קולטור. די רעדע וועלען מיר אפשר אויך געבען אין א בעזונדער ביכעל. וועגען דעם פראקטישען אינהאלט אבער, פון דיזער רעדע וועלען מיר נאך רעדען בעת מיר וועלען קומען צו דער קולטור פראגע בכלל.

ד״ר קאהן האט פארגעלעגט דעם נייעם פלאן פון דער ארגאניזאציע, וועלכער אונטערשיידעט זיך גאנץ וועניג פון דער פריהערער, און דעריבער

רעדען איך פאר איבעריג וועגען דעם דא צורעדען.

מאמזעל וואלפע פון פראנקפורט דערציילט ווי אזוי זי איז ענטציקט פונ'ם קאנגרעס, און אז זי האפט אין גיכען צו זעהען דעם ציוניזם אין דייטש־לאנד אויך אזוי לעבעדיג ווי אין אנדערע לענדער. איהרע מאדערנע גע־דאנקען, גלויב איך, אינטערעסירען אויך זעהר וועניג אונזער עולם, און דעריבער קענען מיר זיי איבערלאזען פאר די וועלכע אינטערעסירען זיך דערמיט, זיי זאלען זיי לייענען פונ'ם אפיציעללען פראטאקאל.

די זיטצונג ווערד געשלאססען האלב זיעבען פארנאכט.

זייגער ניין אויף דער נאכט איז געוועזען די זיצונג פון דער באנק אלס געזעלשאפטליכעס אונטערנעהמען. אין דער זיטצונג האבען גענומען טהייל שוין ניט בלויז די דעלעגאטען, זאנדערן די אקציאנערען פון דער באנק, און מיר האבען דערביי געמוזט זעהען, צו אונזער גרעסטען בזיון, אז איינינע דעלעגאטען האבען קיין אקציעס ניט געקויפט און געמוזט שטעהען אין דרויסען.

די זיטצונג אליין איז געוועזען געטהיילט אין 2 חלקים: ערשטענס וועגען דער אנדערונג פונ'ם אוסטאוו לויט דער קאנגרעס האט אין דערפריה בע־שלאססען, אז די באנק מעג קאלאניזירען נור ארץ־ישראל און סוריא אבער ניט אנדערע לאנדער.

פאר אלעם האט דער פארזיטצענדער ה' וואלפזאן נאך א מאל זאיאוועט אז ער מיט זיינע חברים די דירעקטארען זאגען זיך אב פון די גרינדעראקציען, וועלכע האבען היינט ארויסגערופען אזוי פיל טענות. זיי האבען געמיינט, זאגט ער, אז מיט די גרינדער־אקציעס וועלען זיי קענען בעססער דינען דער באנק און דער מיט דעם גאנצען יודישען פאלק, אבער נעמען א געוויסע מתנה פונ'ם קאנגרעס, דרויף זענען זיי ניט מוסכם בשום אופן.

ביי דער אונטערהאנדלונג וועגען איבערביי טען דעם פונקט פונ'ם אוסטאוו האט זיך ערשט ארויסגעוויזען ווער ס'איז באמת שולדיג אין דעם וואס מע האט גאר אריינגעשטעללט דעם פונקט ניט אזוי ווי דער קאנגרעס האט פאראיאהרען בעשלאססען.

ה' בעגמוויטש. דער מחבר פונ'ם אוסטאוו, האט זיך ביי דיזער זיטצונג זעהר ניט פיין בענעהמען, נאר מיר ווילען דערפון ניט רעדען ווייל מיר ווייסען אליין ניט די פאדראבניסטען (דעטאילען) פון דעם געגענשטאנד.

אינ'ם אנדערען טהייל פון דער זיטצונג האט ה' וואלפסאן אבגעגעבען רעכנונג פון דער באנק וויפיל אקציעס מע האט פארקויפט, וואו דאס געלט ליעגט און וויפיל הוצאות דרויף איז געפאללען.

פונ'ם חשבון זעהען מיר אז איינגאנצען איז ביזן קאנגרעס פארקויפט געווארען 300 טויזענד אקציען אויף א נ"ערך פון 3 מיליאן רובעל, מזומן געלט ליעגט אצונד אין קאססא בערך 60 טויזענד פונט שטערלינג. די הוצאות פונ'ם גרינדען די באנק האט מען פריער אויסגערעכענט אויף א נ"ערך פון 100 טויזענד רובעל, געקאסט האט עס אבער נאר א נ"ערך פון 70 טויזענד רובעל. ה' וואלפזאהן האט דערביי פארגעלייענט א פאדראבנע רעכנונג פון די הוצאות, וועלכע דער קאנגרעס האט אנערקענט און האט דעם דירעקטאריום נאך אמאל אויסגעדרוקט זיין הערצליכסטען דאנק. צום סוף געהט נאך ה' געמיראווער ארויף אויף דער בימה און פרעגט מע זאל איהם זאגען אפען: ווי אזוי איז זיך די באנק נוהג אין שבתים און ימים טובים? ה' וואלפסאן ענטפערט אפען פאר דער גאנצער וועלט אז ערב שבת אדער יום-טוב נאך האלבען טאג ווערד די באנק געשלאססען ביז איבער שבת אדער יום-טוב. דער קאנגרעס בעגריסט דיזע מיטטהיילונג מיט א שטירמישען בייפאל.

דער פיערטער טאג 6/18 אגוסט

דער פריה-מארגען פונ'ם פערטען טאג איז אוועק מיט די פערהאנדלונגען וועגען ארגאניזאציע, אגיטאציע, קולטור און קאלאניזאציע, דעם תוכן און דעם זינן פון די אלע ענינים וועל איך אייך שפעטער ערקלערען. פריהער וועל איך נאך דערמאנען דעם אופטריט פון סיר פראנסיס מאנטעפיארע.

סיר פראנסיס מאנטעפיארע איז איינער פון די גלענצענדע יודישע רייכע אין לאנדאן, און האט זיך די לעצטע צייט פעראינטערעסירט פאר'ן

ציוניזם. קיין נייעס געוועהנליך, האט ער ניט אויפגעטהון און ניט געקענט אויפטהון; ער האט געזאגט אז ער איז אומזיסטען געפאהרען קיין באזעל, כדי ער זאל אפען פאר דער גאנצער וועלט ארויסזאגען זיין ציוניזם. ווייטער, טרייסט ער די ציוניסטען און זאגט, אז אונז דארפען ניט אבשרעקען די אנפאללען פון די מתנגדים, אדרבא מיר דארפען זיי רוהיג בעגעגענען ווי סע פאסט פאר א פארטהיע וועלכע איז מנצח אקעגען דער פארטייע וועלכע ווערד מנוצח. אלס יוד, וועלכער איז געטריי זיין פאלק און אלס פלימעניק פונ'ם גרויסען יודישען פאטריאט ר' משה מאנטעפיארע, האט ער זיך פארגענומען צו דינען דעם יודישען פאלק, און דינען דעם יודישען פאלק קען מען נאך זיין מיינונג אם בעסטען, אז מע וועט עס אויפוועקען צום ציוניזם. וועגען דער באנק זאגט ער, אז ער האט זי גוט דורכגעלערענט און קען זאגען אז די יודישע באנק איז חוץ איהר אידעאלען צוועק, א פאלקאממען געזונדעס, קאממערציעללעס אונטערנעהמען, און מע קען רוהיג קויפען די אקציעס פון דיזער באנק.

די רעדע איז דעם קאנגרעס שטארק געפעללען און מע האט בעשלאסען זי אבצודרוקען און פארשפרייטען צווישען פאלק.

נאכדעם האט מען זיך ווידער אומגעקעהרט צו די פראגען וואס שטעהען אויף דער ארדענונג אום זיי ענדליך צו בעשטיממען, און איך וויל אייך דא איינציגווייז ערקלעהרען אין וואס יעדע איז בעשטאנען.

אגיטאציע, דאס הייסט, ווי אזוי און מיט וואסערע מיטטעל מע דארף פארשפרייטען דעם ציוניסטישען געדאנק צווישען פאלק. וועגען דעם האט די קאמיסיע, וועלכע האט זיך דערמיט בעשעפטיגט פארגעלייגט א גאנצען פלאן, וועלכער, ווען מע זאל איהם געווען אננעמען, וואלט געוועזען געבראכט אונגעהייערע נוטצען אונזער זאך נור אונזערע דעלעגאטען האבען אויף אלעס צייט געהאט, נאר ניט אויף דעם, וואס איז באמת שטארק נייטיג פאר אונז אין אלע הינזיכטען. מיר מוזען דאך אמאל פארשטעהען אז ניט מיט אקליינעם טהייל פונם פאלק וועלען מיר אונזער זאך דורכזעטצען נאר מיט'ן גאנצען פאלק. מיר מוזען דאך אמאל פארשטעהען אז ווען 100 טויזענד יודען האבען געקענט איינקויפען נאר 300 טויזענד אקציעס

מוזען מיר האבען 700 טויזענד יודען כדי אויסצופארקויפען אלע 2 מיליאן אקציעס,
און דאס קענען מיר דערלאנגען נאר דעמאלט ווען מיר וועלען ברייט
פארשפרייטען דעם ציוניזם צווישען פאלק. אונזער פאלק איז באמת אין
גאנצען ציוניסטיש, נאר דער אומגליק איז וואס דער רוב פארשטעהט
ניט דעם ציוניזם, מע מוז דריבער אויף דעם בעזונדער זיך אבשטעלען
און אין דער זייט אנווענדען אלע כחות. צו דעם תכלית האט מען
אויפ'ן קאנגרעס אויסגעקליבען איין אגיטאציאנס-קאמיסיע. נאר ווי געזאגט,
האט די צייט ניט געטראגען און מע האט וועגען דעם גאר ניט גערעדט.

דאגעגען האט מען דער קולטור-פראגע אבגעטהיילט א מעניגע מיט
צייט. פיער רעדנער האבען וועגען איהר גערעדט (דאקטאר גאסטער, דאקטאר
קאהן, הרב ריינעס און דער רעדאקטאר פון הצפירה ה' סאקאלאוו). די
רעדען זענען געווען פארטרעפליך שען, מיר האבען זעהר לעבעדיג געקלאפט
בראוואָ, נאר דעם רעכטען עקר: וואס וויל מען פון אונז מיט דער
קולטור? — דאס ווייסען מיר אלץ נאך ניט.

כדי אונזער עולם צו געבען א קליינעם בעגריף אין דעם ענין, מוזען מיר
דא זיך אומקעהרען נאך גאר צום אנהויב פונ'ם ציוניזם. נאך תיכף נאך'ן
ערשטען קאנגרעס האבען זיך אנגעהויבען געוויסע שריפטשטעללער צו טשע-
פען צום נייעם ציוניזם אז ער האט ניט קיין רעכטען דרך-ארץ פאר דער
יודישער קולטור, וואס איז, דער קאנגרעס האט זיך מיט דער קולטור-פראגע
זעהר ווייניג בעשעפטיגט.

וואס אייגענטליך מיינען זיי מיט דער קולטור האבען זיי ניט ארויסגע-
זאגט, זיי האבען זיך שוין פארלאזט אויפ'ן עולם — ער וועט במילא ניט פאר-
פארשטעהען. און אזוי איז טאקע געווען, דער עולם האט ניט אנגעהויבען
צו פארשטעהען, און האט נאכגעזאגט ווארט ביי ווארט וואס מע האט
איהם פארגעלייענט פון די צייטונגען און זשורנאלען: „דער קאנגרעס
בעשעפטיגט זיך ניט מיט קולטור איז, בכן, א סימן אז דער ציוניזם איז
ניט יודישליך. איז, בכן, אין דעם שולדיג דאקטאר הערצל מיט זיין קאמפאניע
די אויסלענדישע ציוניסטען, איז, בכן, אמצוה מע זאל איהם פאראיכטערען
דאס לעבען אויף די קאנגרעסען, אויסדרעהען די וואסער, אנמאכען בקאנ-

דאלען און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער".

ביים צווייטען קאנגרעס האט מען פארט געוואלט יוצא זיין פאר דער מאדאם קולטור און מע האט זיך מיט איהר מטפל געווען, טאקע ווי מיט א גראנדעססע, מע האט אפילו אויסגעקליבען א קולטורנע קאמיסיע אויפ'ן גאנצען יאהר. נאר די קאמיסיע נעבעך האט טאקע ווייטער ניט געוויסט וואס מע וויל פון איהר, און האט דעריבער ניט געוויסט וואס זי האט צו טהון. זי האט זיך געווארפען אויף אלע זייטען, געקנייטשט דעם שטערען און געטראכט — ביז זי האט ענדליך אויסגעטראכט א „אלגעמיינעם העברעאישען שפראך-פעראיין". ניט דא איז דאס ארט צו רעדען פון דעם פעראיין ווי ווייט ער קען און וועט בריינגען נוטצען, יעדענפאללס איז א גרויסער יושר אז יעדער יוד זאל איהם אונטערהאלטען.

די קולטורניקעס זענען אבער דער מיט נאך ניט צופרידען געווארען, זיי האבען ניט דאס געמיינט. וואס-זשע פארט האבען זיי געמיינט? אויף דער פראגע איז מען ווייטער געבליבען אהן א תשובה.

דערוויל אבער האבען איינינע רבנים דערהערט, אז סע רעדט זיך עפיס וועגען קולטור, האבען זיי זיך דערשראקען און אויפגעהויבען א גוואלד אין די יודישע צייטונגען. און איינער פון זיי, דער פאלטאווער רב, האט דא געפונען א'נ'ארט וואו אויסצוואשען זיין קוטיג גרעט און האט אנגעשריבען א גאנצען בוך, מיט וועלכען געוויסען אדונים קוויקען זיך און מיינען אז דא האט מען דערלאנגט דעם ציוניזם גלייך אין קאפ אריין.

דער סוף האט זיך אויסגעלאזט אז נאך די אלע רעדען זענען מיר פונ'ם דריטען קאנגרעס אוועקגעפאהרען און ווייסען ווייטער ניט וואס די קולטורניקעס ווילען פון אונז.

נאך אונזער פשוט'ען שכל קומט אויס אז יודישע קולטור הייסט: לערנען און קענען יודיש לשון, יודישע געשיכטע, יודישע ליטעראטור און זיך יודיש אויפפיהרען אינ'ם לעבען. דאס איז מחויב צו טהון יעדער אמת'ער ציוניסט און יעדער אמת'ער ציוניסט טהוט עס טאקע. דער קאנגרעס אבער קען דערביי גאר ניט טהון און ניט צו'ן איהם דארפען מיר וועגען דעם אנקומען.

די קאלאניזאציע-פראגע אבער איז באמת א וויכטיגע, וויל דא טרעטען

ארויס צוויי פערשידענע מיינונגען וועגען דער ציוניסטישער ארבעט. די איינע זאגט אז מע דארף ניט קריגען וויט נאר פאמיליכען באזעצען יודען אין ארץ־ישראל אפילו אהן א רשיון פון דער טירקישער רעגירונג. מיר דארפען אהן א אויפהער זאמלען געלט און קויפען ערד און בעזעצען יודען, און טאמער וועט אונזער ציעל ארויסקומען איבער הונדערט יאהר מוזען מיר זיין געדולדיג און ווארטען.

די אנדערע מיינונג זאגט אבער, אז אזוי איז קיין פלאן ניט, מע מוז פריער אבמאכען מיט דער טירקישער רעגירונג אז זי זאל ערלויבען דארט יודען צובעזעצען, און אז מע וועט האבען דאס ערלויבעניש וועט מען קענען ראש און גיך קומען צום ציעל. דאס ערלויבעניש צו דערלאנגען זענען מיר אליין ניט איםשטאנד, מיר מוזען דערצו בענוטצען די הילף פון די אייראפאישע מלוכות, און צו דעם צוועק מוזען מיר מאכען קאנגרעססען, שרייען הויך אז די גאנצע וועלט זאל הערען, און מאכען א באנק, וועלכע זאל קענען די אבמאכונג מיט דער טירקישער רעגירונג דורכפיהרען, חוץ לזה מוז מען טאקע, דורך אזוינע מאנגער וואס טויגען דערצו, זיך משתדל זיין ביי מלכים ושרים אז זיי זאלען אונז מיטהעלפען דאס ערלויבעניש, אדער ווי מע האט עס ביי היינטיגען קאנגרעס גערופען, דעם טשארטער, צו דערלאנגען.

כדי די צוויי מיינונגען אויסצוגלייכען, האט מען אויסגעקליבען א קאמיסיע וועלכע האט זיך מיט דער פראגע בעשעפטיגט און דאקטאר טשלענאוו האט נאכדעם פארגעלעגט פאר'ן קאנגרעס די רעזאלוציע פון זייער ארבעט.

מיט דער רעזאלוציע זענען דאס רוב דעלעגאטען געווען צופרידען ווייל מיר האלטען זיך פון תמיד אן ביי דעם כלל, אז מע דארף טהון איינס און אויך איינ'ם אנדערען ניט פארגעסען, ווייל מיר ווייסען ניט וועלכער וועג איז דער ריכטיגער. הערר טשלענאוו האט אבער בענוטצט אין זיינע פונקטען אזוינע אויסדרוקען וועלכע האבען געווארפען א חשד אויף דער אינעווייניגסטער כונה פון זיינע ווערטער, מע האט דריבער געדארפט זי ארומ־רעדען, בעלייכטען מיט'ן אמת'ען ליכט איהר אינעווייניגסטען זינען און דערצו איז

שוין ניט געווען קיין צייט. נאך א קליינעם שטרייט צווישען ד״ר הערצל און ד״ר טשלענאוו, האט מען די רעזאלוציע איבערגעגעבען אהן א בעשלוסס דעם אקציאנס-קאמיטעט.

דערמיט האט זיך פארקאנטשעט די „ארבעט" פונ'ם קאנגרעס, און עס בלייבט אונז נאך איבער צו דערמאנען דעם לעצטען אינצידענט: ה' טריעש האט אנגעהויבען רעדען וועגען א גרעסערער פאלעסטינא וועלכעס דארף אומפאססען ניט נור די שכנישע מדינות פון סוריא נאר אויך די נאהענט-ליגענדע אינזלען, פון וועלכע ציפערן איז פאר אונז אם מיינסטען געווינשען... נור באלד איז געווארען א רעש און א געטוממעל, די סקאנדאליסטען האבען גערוישט און געשווישטשעט, און וואס נאך מעהר צו בעוואונדערען, איז דאס וואס אויך עטליכע פון די געלאדענע, ווי למשל ה' אוסישקין האבען זיך גאר אינגאנצען פערלארען. קצור הדברים איז געווען אז ה' טריעש האט געמוזט אראב פון דער בימה און פאר'ן קאנגרעס איז געווען דער גרעסטער סקאנדאל, ווארום ס'איז נאך ניט געהערט געווארען אז מע זאל ניט לאזען א מענשען אויסרעדען אפילו אז ער זאגט דאס גרעסטע נארישקייט!...

ענדליך האט זיך דער עולם בערוהיגט און מע האט בעשטעטיגט די נייע בחירות אינ'ם אקציאנס-קאמיטעט ביז'ן פאלגענדען קאנגרעס. ס'איז ווידער אויסגעקליבען געווארען אינ'ם ווינער קאמיטעט: ד״ר הערצל אלס ראש, ד״ר קאקעש, ד״ר שנירער, ד״ר קאהן און ארכיטעקט מארמארעק. אלס רוסישע פארשטעהער: פראפעססאר מאנדעלשטאם, ד״ר קאהן-בערנשטיין, פראפעססאר בעלקאווסקי, ד״ר טשלענאוו, יאסינאווסקי, ד״ר ברוק, ד״ר יאקאבזאהן, אינזשינער טעמקין, אינזשינער אוסישקין, ד״ר יעלסקי און הרב ר' שמואל יעקב ראבינאוויטש.

דאס לעצטע ווארט האט נאך געהאלטען ד״ר הערצל צום שלוסס פונ'ם קאנגרעס. דער עולם איז געווען שטארק מיעד און האט שוין גענארט צו מאכען אנ'עק. הערצל אליין האט אויך זעהר אונגעדולדיג געשטרעבט צו פארמאכען דעם קאנגרעס ווייל עס האט זיך אנגעהויבען אנרוקען דער שבת.

ס'איז שוין געווען האלב זיבען בעת ד״ר הערצל האט זיך אויפגעהויבען

צו דער שלום-רעדע. ער בעמערקט קודם כל אז דער קאנגרעס האט זיך זיינט אפילו ניט אויסגעצייכענט מיט אזא התלהבות ווי פריהער, דאגעגען האט ער מעהר געארבעט. ער באדאנקט די דעלעגאטען וואס זיי האבען דערצו מיט געהאלפען, אונ בעט פערציהונג אויב ער האט אמאל זיך ניט גוט באגאנגען מיט איניגע רעדנער; ער זאגט אז ער האט דערביי חלילה ניט געהאט קיין שלעכטע כוונה, ער איז געוועזען געצוואונגען מקצר צו זיין, וויל ס'איז ערב שבת פארנאכט, אונ ער וויל דאס בעזונדער ערקלעהרען, כדי צו ווייזען אז דער ציוניזם האט ניט בדעה אנצורירען די אמונה אפילו פון איינעם פון זיינע מיטגליעדער".

ער רעדט ווייטער פון ציוניזם בכלל אונ זאגט: „אז דער ציוניזם האט שוין, ווי מע זאגט, אויסגעטהון די קינדערשע שיכלאך; ער איז אויסגעוואקסען אונ מאנישער געווארען. ביי אונזער קאנגרעס האבען מיר היינט געהאט ברידער פון אלע לענדער אונ קרייזען פון וועלכע מיר האבען עס גאר ניט ערווארטעט".

„מיר האבען שוין עפיס אבגעטהון ס'איז אבער נאך א סך געבליבען צו טהון, לאמיר-זשע פון דאנען ארויס געהען מיט גוטע מחשבות, כדי מיט נייע חברים ווידער אין פערבינדונג צו קומען — דער דריטער ציוניסטען-קאנגרעס איז געשלאסען!"

א ריזיגער בראווא האט אבגעענטפערט אויף דיזער רעדע אונ האט זיך עטליכע מאהל איבערגעחזר'ט בעת ה' קאהן פון לאנדאן האט אויסגעשריגען האך: ד"ר הערצל — לשנה הבאה בירושלים!

עפיס ווי אנגעזאלצען אויפ'ן הארצען זענען מיר זיך צעגאנגען פונ'ם קאנגרעס ווער אין שוהל אריין ווער צו זיך אין האטעל. סע האט פון איין זייט באנג געטהון פארוואס קאנטשעט זיך שוין דער קאנגרעס, דאס איינציגע ארט אין דער וועלט וואו יודען פיהלען זיך פאר א פאלק. סע האט פון דער אנדערער זייט באנק געטהון אמאי האט מען גאר געמאכט א קאנגרעס: אז מיר האבען ניט קיין רעכטע דעלעגאטען, אז אנשטאט מענשען האבען מיר בלויז קליינע מענשעלעך מיט פיצעליך השגות, ברעקליך מוחות מיט

כמעט גאר-נים קיין הערצער. ס'איז דריבער געווען א שטיקעל טרייסט די סעודה פון די יודישע שריפטשטעללער פרייטאג-צונאכטס אינ'ם רעסטאראן ברוינשווייג. איך וויל דא ניט מאריך בדרוש זיין, איך דערצעהלען פון די רעדען און טאאסטען וואס מע האט געהאלטען ביים טיש אין ריין לשון-קודש, אויך ניט פון דעם ר׳קוד'על, וואס סע האבען נאכדעם געהאפט די גלוחים מיט רבנים, און פון דעם באהארציגען „עוד לא אבדה תקותנו" וואס מע האט געזונגען, איך וועל נאר זאגען אין קורצען אז דער אבענד האט אביסעל אויפגעפרישט די גייסטער און אריין געגעבען נייע האפנונג, ווארום, לאמיר זיך ניט נארען, ביי די שריפטשטעללער אין די הענד ליגט דער גורל פון אונזער בעוועגונג, זיי קענען זי פיהרען אויפ'ן קרומען וועג, זיי קענען איהר אבער אויך אנווייזען דעם גלייכען וועג, און מיר האפען אז זיי וועלען טהוען דאס לעצטע, דאס גוטע.

די סעודה שבת אין העטעל, ביי וועלכער ד"ר הערצל איז אויך געווען, האט נאך מעהר אויפגעמונטערט און מיר זענען מיט נייע כוחות געגאנגען ווייטער צו די אסיפות וואס יעדער לאנד האט געמאכט פאר זיך.

נאר דא האבען מיר ווידער געכוזט איבערטראגען דעם וועהטיג: דא ווי סע האט אמת'דיג געפאסט צו קריטיקירען ווייל דא ליגט אונזער גאנצער אינטערעס און דא זיצען שוין ניט קיין הונדערט קארעספאנדענטען וואס צעטראגען יעדעס ווארט אויף שבעה-ימים; דא, געראדע, איז פלוצים ניט געשטאנען דער גאנצער דעמאקראטיזם פון אונזערע פאלקס-מענשען, און דאס וואס זיי האבען געזעהען אלס א קלאץ ביי דעם וויענער קאמיטעט האט זיך זיי פארגעשטעללט ווי אקליין שפענדעלע ביי זיך אליין. די בעלי מוחות זענען פלוצים געבליבען גאר אהן אפיצעל מוח און די שטארקע קריטיקער האבען, ווי אין גאליציאנער אסיפה, אלעם אנגענומען פאר א קלינגענדיגע מטבע און נאכגעשאקעלט מיט'ן קאפ.

נאר גענוג. מיין ספור-המעשה האט זיך שוין אזוי אויך צו לאנג פארצויגען, נור איך האב עס געפונען פאר נאטיג אייך אויפקלעהרען וועגען דער לאגע פונ'ם ציוניזם כדי איהר זאלט פארשטעהען אז נאר פון אייך אליין הענגט אב דער גורל פון אונזער אידעע: אויב איהר וועט שיקען

צום קאנגרעס מענשען קאלידע, ערהליכע און מיט געדאנקען, וועט איהר בריינגען דעם קאנגרעס נוטצען און מקרב זיין אונזער ציעל. ווי באלד אבער איהר וועט ווייטער אנשיקען מן הבא, וועט איהר בריינגען דעם ציוניזם צו חוכא ואטלולא, ווייל ווי גוט הערצל זאל ניט פיהרען דעם דיפּלאמאטישען ציוניזם איז ער דאך נאר איין מענש און די קריסטליכע וועלט קען נאר דעמאלט פארשטעהען דעם ציוניזם ווען ער געהט ארויס פונ'ם קאנגרעס, דאס הייסט פונ'ם יודישען פאלק.

דאס מוזט איהר געדענקען כדי איהר זאלט בכלל פארשטעהען צו וואס דער קאנגרעס איז נייטיג. חוץ זיינע איבעריגע נחיצות פאר אונזערע איגעווייניגסטע ענינים, דארפען מיר דעם קאנגרעס אלס א טריבונע פון וואנען מיר זאלען אויסשרייען אונזער „וועה!" און דערמיט אריינגעבען כח אונזערע פיהרער צו רעדען אין אונזער נאמען.

איהר מוזט אויך וויסען, אז די קריסטליכע וועלט קען זיך נאר דעמאלט צולאזען אויסהערען אונזערע טענות, ווען זי זעהט אינ'ם קאנגרעס א אמת'ע פאלקס-פערטרעטונג, דאס הייסט, איין אסיפה פון מענשען וואס שטרעבען צו איין פאלקס אידעע.

וועגען די פרטים, קענען פארקומען צווישען די דעלעגאטען פערשיעדענע מיינונגען; אדרבא סע מוז זיין פערשיעדענע מיינונגען ווייל אנדערש וואלט דער קאנגרעס געוועזען גלייך צו'ן א שטעהענדיג וואסער וועלכעס ווערד גיך פארשפּוילט. בעת אז אונזער קאנגרעס איז א לעבעדיגער קוואל פון פרישער, געזונדער וואסער. וועלכער מוז האבען פערשיעדענע שטראממונגען, די שטראממונגען טרעפען צייטענווייס איינע אויף דער אנדערער און מאכען אן א חוואליע, א גערויש. אזא גערויש איז פאר'ן ציוניזם ניט קיין חסרון רק די גרעסטע מעלה. נור ווען זשע? אז סע געהט אן עדעל, ליידיש און ערהליך, אז אלע זענען מיט איין דעה, אהן זייטיגע כוונות, אז אלע דעלעגאטען זענען ציוניסטען צוליב דעם ציוניזם, ניט צוליב קיין אנדער תנאי...

ביים היינטיגען קאנגרעס אבער, האבען מיר צו אונזער חרפה געזעהן אז איינגע זענען נאר ציוניסטען אויף דעם תנאי נאר, אז די

ציוניסטען זאלען זיין דאס וואס זיי ווילען... און דעריבער קענען די וכוחים מיט זיי ניט טראגען דעם פערטרויעליכען ברידערליכען כאראקטער, דעריבער בעקומען דיזע וכוחים ביי די פרעמדע אין די אויגען א פנים פון אפערביטטערטער שנאה און דאס איז שוין א גרויסער חסרון, ווייל געראדע אינ'ם ציוניזם איז אונז די מיינונג פון די פרעמדע זעהר נאטהיג.

אונזערע קולטור-טרעגער מאגען זיך זאגען וואס זיי ווילען, איך מיין אבער אז א געזונדער מענשען-פארשטאנד וועט מודה זיין אז אהן דער הילף פון די פרעמדע וועלען מיר קיינמאל גאר-ניט דערלאנגען.

אונזערע דעלעגאטען אבער האבען עס ניט אלע פארשטאנען און האבען דעם ציוניזם גאר קיין טובה ניט געטהון. די אייראפעאישע צייטונגען האבען היינטיגס יאהר וועגען קאנגרעס זעהר ניט קיין גוטע מיינונגען ארויס-גערעדט, און איך שעם זיך ניט אייך דאס אפען מודה צו זיין, ווייל איך ווייס אז איהר וועט דערפון שליסען אזוי ווי איך, אז דרינען זענען שולדיג אונזערע דעלעגאטען און מע בעדארף אויף ווייטער זיין געהיט וועמען צו שיקען צום קאנגרעס.

אדרבא, איך רעכען גאר אז ס'איז א חיוב אונזער עולם אפען דאס ארויסצוזאגען, ווארום אז מיר וואלטען פאראיאהרען נאך אויפגעקלעהרט די לאגע אקוראט וואלט דערצו ניט געווען געקומען.

אום זיך מיט אייך צו געזעגענען ניט מיט אומטוטיגע געדאנקען וויל איך אייך מבשר בשורה זיין אז מכוח דער אויסווייניגסטער ארבעט פון ד"ר הערצל, שטעהט אונזער ענין ברוך-השם אויף א גוטען מעמד; מיר האבען זיך דרינען איבערצייגט און מיר גלויבען אצונד אין א גליקליכען רעזול-טאט ניט עפ"י אמונה נאר ע"פ שכל — מעהר פארשטעהט איהר אליין אז איך קען אייך ניט זאגען —

לשנה הבאה בירושלים!

תקון טעות

אויף זייטע 20 שורה 4 איז פארגעקומען א דאסאדנע פעהלער, וועלכער פארדארבט די כונה, און מיר בייטען אנשטאט: „וועלכע זענען גרייט אונז אונטערנארום צעברעכען דעם רוקען" צו לייענען: „וועלכע לאזען אונז דערוויל זיך אליין צעברעכען דעם רוקען אין דער מלחמה מיט די מתנגדים און גלייכצייטיג א. ז. וו."

עֶזרא׳ס קאטאלאָג

1-2) משיח׳ס צייטען א ציוניסטישער ראמאן 2 העפט — שלום עליכם.

3) ביז וואנען וועלען יודען זיין אין גלות? — פלי.

4) פראפעססאר שפירא (ביאגראפיע) — וויערניקאווסקי

5) מאקס נארדוי׳ס רעדע אין בערלין — מקל.

6) וואס מיר זענען און וואס פון אונז וועט ווערען? — ראבניצקי

7) רבנו שמואל מאהליבער (ביאגראפיע) — מקל.

8) דער צווייטער ציוניסטען-קאנגרעס — מקל.

9-10) יודיש בלוט אויף א רפואה 2 העפט — פלי.

11-12) יודישע קינדער 2 העפט — א. אביון.

13) די יודישע באנק — מקל.

14) ע׳ נסים, א רעדע אויף פורים — פלי.

15) רי״ל (לעבענסבעשרייבונג) — ש. א. האראדעצקי

16) בלעטלעך געשיכטע (I דער צווייטער חורבן). — ד״ר נ. נ. בירנבוים.

17-18) שלש סעודות-צייט 2 העפט. — י. וויערניקאווסקי.

19) דון יוסף נשיא — יוסף קלויזנער.

20) הלל הזקן — ח. א. מושקאט.

21) וואו איז אונזער עולם? — רב-יוד.

22) דער דריטער ציוניסטען קאנגרעס — מקל.

23) ד״ר הירצל׳ס רעדע אויפן דריטען ציוניסטען קאנגרעס.

24) מאקס נארדוי׳ס רעדע אויפן דריטען ציוניסטען קאנגרעס.

פרייז פיר יעדעם העפט 8 קאפ׳

פיר מו״ס און ציוניסטען גרויסער ראבאט.

אדרעסס:

Издат. „ЭЗДРА" Бердичевъ